(י) **במדרש** תלפיות ענף אמן הביא בשם ספר חרדים דמ״א ע״ב, צריך לענות אמן ישי״ר בכל כחו, מפרש בזוהר כמשמעו וקורעין לו גזר דינו ואפילו הי׳ בו שמץ מינות יתכפר לו, והזוה״ק הוא מפרשת נח דף מ״ב בתוספתא בזמנא דישראל אתיבו בקול רם אמן ישי״ר מבר׳ קוב״ה אתמלי רחמין וחיים על כולא וכו׳ וז״ל, אמר המחבר יש לי ראי׳ ממאמר זה על מה שפיר׳ באורך בחיבור זה על מאמר חז״ל כל העונה אמן בכל כחו קורעין לו גזר דינו ופירש״י בכל כוונתו, דאין כוונת רש״י להוציא הדברים מפשוטם דא״כ קשה למה אמרו חז״ל בכל כחו, בכל כוונתו הוי להו למימר, אלא כוונת רש״י לתת טעם למה שאמרו בכל כחו שע״י כך יתעורר אל הכוונה כי הקול מעורר הדביקו׳ וכמו שכ׳ מהרי״ק ז״ל שלימוד בקול רם מעורר הכוונה והדביקות וראי׳ ממאמר הזוה״ק בקול רם ששם אין לפרש בכל כוונתו כמו שיש לפרש בכל כחו, וע״כ בעינן הדברים כפשוטן שיענה בקול רם כדי שיעורר לומר בכל כוונתו עכ״ל המדרש תלפיות, וע׳ פרמ״ג סימן נ״ו ובמש״ז סעק״ב, דאפשר י״ל בין אמן דהוא

---

אֲפִילוּ וֶוען עֶהר הָאט אַפִּינְק פוּן אֶפִּיקוֹרְסוּת ח״ו אִיז מֶען אִיהְם אוֹיךְ מוֹחֵל אַז עֶר גֶעמְט אוֹיף זִיךְ אַז עֶר זָאל שׁוֹין מֶעהר נִיט זִינְדִיגִין ח״ו ע״כ:

**אוֹיךְ** אִין מסכת שבת קי״ט בְּרֶענְגְט תוספות אַפְּסִיקְתָא וֶוען יוּדְן גֵייעֶן אַרֵיין אִין דִיא שׁוּהְלֶען אוּן בָּתֵּי מִדְרָשִׁים אוּן עֶנְטְפֶערִין אָמֵן יְהֵא רַבָּא מְבָרֵךְ מִיט אַהוֹיכֶע שְׁטִימֶע, זֶענִין זֵייא מְבַטֵּל אַלֶע שְׁוֶערֵי גְזֵירוֹת פוּן יוּדֶען:

**אִין** שֻׁלְחָן עָרוּךְ הרב ז״ל שְׁטֵייט אַז דָאס הוֹיכֶע קוֹל פוּן אָמֵן ישר״מ צוּ בְּרֶעכְט אַלֶע מְקַטְרִיגִים אוּן ס׳אִיז מְבַטֵּל אַלֶע שְׁוֶערֶע גְזֵירוֹת פוּן מֶענְטְשׁ:

(י) **דֶער** סֵפֶר מִדְרַשׁ תַּלְפִּיּוֹת שְׁרֵייבְּט אַז מֶען זָאל עֶנְטְפֶערְן אָמֵן יהשר״מ מִיט אַ הוֹיךְ קוֹל, עֶהר בְּרֶענְגְט פַאר דֶעם סֵפֶר הַזוֹהַר הַקָּדוֹשׁ אַז אַחוּץ דֶעם וָואס מֶען בְּרוֹיךְ צוּ זָאגֶען אָמֵן יהשר״מ מִיט גְרוֹיס כַּוָּונָה, בְּרוֹיךְ מֶען אוֹיךְ זָאגִין מִיט אַהוֹיךְ קוֹל, דֶען אַז מֶען זָאגְט מִיט אַהוֹיךְ קוֹל, דֶערְוֶועקְט עֶס אַז מֶען זָאל מְכַוֵּין זַיין וִויא עֶס גִיהֶער צוּ זַיין. עכ״ל:

רבי

שבח ובין ברכת בקשה, דאיש״ר אפשר דשדי להגביה קולו יותר ע״ש:

(י) **שם** ר׳ חייא ב״ר אבא א״ר יוחנן אפילו יש בו שמץ של עכו״ם מוחלין לו כתיב הכא בפרוע פרעות וכתיב התם כי פרוע הוא:

(יא) **במס׳** סנהדרין דף ק״י קטן מאימתי בא לעוה״ב, תניא משום ר׳ מאיר משעה שאומר אמן שנאמר פתחו שערים ויבא גוי צדיק שומר אמונים אל תקרא שומר אמונים אלא שאומר אמן:

(יב) **במס׳** שבת קי״ט ע״ב אמר ר״ל כל העונה אמן בכל כחו פותחין לו שערי גן עדן, שנאמ׳ (ישעי׳ כו) פתחו שערים ויבא גוי צדיק שומר אמונים, אל תקרי שומר אמונים אלא שאומרים אמנים:

(יג) **במדרש** רבה ריש פ׳ תבא שאין גדול לפני הקב״ה יותר מאמן שישראל עונין:

**שם** במדרש אמר ר׳ יודן כל מי שעונה אמן בעולם הזה זוכה לענות אמן לעתיד לבא:

(יד) **שם** בשבת מאי אמן אמר ר׳ חנינא א״ל מ״לך נ״אמן, ופרש״י שם כך מעיד על בוראו שהוא אל מלך נאמן, וכתבו שם בתוס׳

---

(י) **רַבִּי** חִיָּיא בר אַבָּא זָאגְט פַאר רַ׳ יוֹחָנָן׳ס וֶוענִין אֲפִילוּ אֵיינֶער הָאט שְׁלֶעכְטֶע גִידַאנְקֶען פוּן מִינוּת אַז עֶהר זָאגְט נָאךְ עֶרְינְצְט אָמֵן יהא שמי׳ רבה מברך אִיז מֶען אִיהם אויךְ מוֹחֵל:

(יא) **אִין** מסכת סַנְהֶדְרִין דף ק״י שְׁטֵייט, אַקִינְד וֶוען קוּמְט עֶהר צוּ עוֹלָם הַבָּא, הָאבִּין מִיר גִילֶערְינְט פִיר רַ׳ מֵאִיר׳ס וֶוענִין, פוּן דִיא צַייט אָהן וֶוען עֶהר עֶנְפֶערְט אָמֵן אִיז עֶהר זוֹכֶה צוּ עוֹלָם הַבָּא:

(יב) **אִין** מסכת שבת דף קי״ט רֵישׁ לָקִישׁ זָאגְט דֶער מֶענְטשׁ וָואס עֶהר עֶנְפֶערְט אָמֵן מִיט דֶעם גַאנְצִין קְרַאפְט עֶפִינְט מֶען עֶהם דִיא טִיהֶרִין פוּן גַן עֵדֶן, שנאמר פתחו שערים עֶפִינְט אויף דִיא טוּירִין פוּן גַן עֵדֶן פִיר דִיא וָואס עֶנְפֶערִין אָמֵן:

(יג) **אִין** מֶדְרַשׁ רַבָּה תבא שְׁטֵייט עֶס אִיז נִיט דָא קֵיין גְרֶעסֶער פֶערְגֶע-נִיגֶען פַאר השי״ת מֶעהר וִויא אַז יוּדִין עֶנְפֶערִין אָמֵן:

**דָארְט** אִין מדרש רבה, ר׳ יודן הָאט גִיזָאגְט יֶעדֶער מֶענְטשׁ וָואס עֶנְפֶערְט אָמֵן אויף דֶער וֶועלְט, וֶועט זוֹכֶה זַיין צוּ עֶנְפֶערִין אָמֵן אויף יֶענֶער וֶועלְט:

(יד) **אִין** מסכת שבת דף קי״ט, וָואס בְּרוּיךְ מֶען טְרַאכְטִין בְּשַׁעַת מֶען עֶנְפֶערְט אָמֵן, זָאגְט רַ׳ חֲנִינָא אַזוֹי וִויא אָמֵן אִיז א מ ן דִיא רָאשֵׁי תֵּיבוֹת פוּן אֵ״ל מֶ״לֶךְ נֶ״אֱמָן, ד. ה. הַשֵׁי״ת אִיז אַ בֶּעגְלַייבְּטֶער מֶלֶךְ. תוס׳ שְׁרֵייבְּט אַז עֶהר בְּרוּיךְ טְרַאכְטִין דִיא ר״ת בְּשַׁעַת עֶהר עֶנְפֶערְט אָ׳מֵ׳ן׳,

אל

שצריך להרהר כך בשעת עניית אמן שהוא אל מלך נאמן, וכן כתוב בש"ע סי' קכ"ד בפתחי עולם סע"ק י"ט, וכתב שם דגם בפסקי תוס' שם כתב כן להלכה:

(טו) **ברייתא** מפרקי מרכבה א"ר ישמעאל סח לי המלאך [הגאנסגאל] הגנסגל ואמר לי ידידי שב בחקי ואגיד לך מה תהא על ישראל ישבתי בחיקו והי' מסתכל בי ובוכה, והיו דמעות יורדות מעיניו ונופלות על פני, ואמרתי הדר זיו מרום, מפני מה אתה בוכה, אמר לי בא ואכניסך ואודיעך מה גנוז לישראל עם קדושי, תפשני והכניסני לחדרי חדרים ולגנזי גנזים ונטל הפנקסים ופתח והראני אגרות כתובות צרות משונות זו מזו, ואמרתי לו הללו למאן, אמר לי לישראל, אמרתי לו, ויכולין ישראל לעמוד בהן, אמר לי למחר בוא ואודיעך צרות משונות מאלו, למחר הכניסני לחדרי חדרים והראני צרות קשות מן הראשונות, אשר לחרב לחרב ואשר לבזה לבזה ואשר לשבי לשבי, אמרתי לו הדר זיו מרום וכו' והלא אי

---

אַ"ל מ'קען נ'אמן גאט ב"ה איז אַ בעגלייבטער מלך:

(טו) **אין די ברייתא פון פרקי מרכבה שטייט, ר' ישמעאל האט גיזאגט** אַז דער מלאך הגנסגאל האט צו מיר גיזאגט בזה הלשון, גוטער פריינד, זיץ אין מיין שויס וועל איך דיר זאגן וואס ס'וועט זיין מיט די יודין, בין איך גיזעסין אין זיין שויס, און דער מלאך האט גיקוקט אויף מיר און האט גיוויינט, זיינע טרערין זיינין גיפאלין אויף מיין גיזיכט, האב איך צו איהם גיזאגט, הדר זיו מרום, וואס וויינסטו? האט מיר דער מלאך גיענטפערט, קום וועל איך דיר אַריינפירין און וועל דיר ווייזען וואס ס'איז באהאלטין פיר דאס הייליגע פאלק יודין, האט מיך דער מלאך אהין גינעמין און האט מיך אַריין גינומען אין פערשידינע צימערין ולגנזי גנזים און האט גינומען די ביכער און זייא גיעפענט און האט מיר גיוויזען פאפירען וואס איז גישריבען אויף זייא פערשידינע צרות, האב איך גיפרעגט דעם מלאך, פיר וועמין איז דאס? האט ער מיר גיענטפערט, דאס איז פיר די יודין, האב איך איהם גיפרעגט וועלין דען די יודין דאס קענין בייא שטעהן? האט ער מיר גיענטפערט, מארגין זאלסטו קומען וועל איך דיר ווייזין נאך אַנדערי צרות, מארגין האט ער מיך אַריין גיבראכט אין פערשידעני צימערין און האט מיר געוויזען שווערערי צרות פון די ערשטע, מענטשין וואס עס איז זייא באשערט גיהארגיט צו ווערין דורך שווערד, מענטשין וואס ס'איז זיי באשערט צוראבירט ווערין, מענטשין וואס ס'איז זייא באשערט גיפאנגין צו ווערין, האב איך גיפרעגט דעם מלאך דאס איז דאך ניט צום אויסהאלטין, האט ער גיזאגט אַז אַללע טאג וועט ווערין

אפשר לעמוד בהם, אמר לי בכל יום ויום מתחדשות צרות קשות מאלו וכיון שנכנסין לבתי כנסיות ועונין אמן יש״ר מברך, אין אנו מניחין אותן לצאת מחדרי חדרים:

(טז) **מדרש** אגדת בראשית ע״ט ומדברך נאוה [שה״ש ג] המדבר שבכם נאה לפני על אחת כמה וכמה מיושב שבכם, ואיזהו הוא המדבר, אלו עם הארץ שאינן יודעין לקרות ולא לשנות ולא לדרוש כמדבר שאינו מגדל פירות, והן נכנסין לבתי כנסיות ולבתי מדרשות ומברכין ברוך יוצר המאורות ומחיה המתים, שהוא ברא המאורות והוא מחיה המתים והם עונין אחריו אמן ואומרים מאמינים אנו שהוא מחי׳ מתים והוא ברא את העולם אפי׳ אין בידן אלא שכר אמן זה דיים, (הגה״ה מכאן יש׳ להביא ראי׳ ברורה להפוסקים דעונין אמן אחר ברכת יוצר המאורות). לכך ישעי׳ הנביא נותן שבח לפני הקב״ה [ישעי׳ כ״ה] ה׳ אלקי אתה ארוממך אודה שמך, אילו אין בידנו אלא הודיה שאנו מודים לך דיינו. כי עשית פלא, פלאי מעשי ידך גדלת ואתה מדקדק עמם כל כך, למה כדי ליתן להם שכר, היית אומר שיטלו שכר על התרומה ועל המעשרות ועל חלה ועל מילה ותפילין ושבת ומועדות ועל המזוזה ועל הציצית, אבל על האמן הזה שהם אומרים בבתי כנסיות ובבתי מדרשות אין אתה נותן שכר, [שם] עשית פלא עצות מרחוק אמונה אומן. לכך לך נאה לשבח ולרומם שאין אתה

---

נייע צרות שווערערי פון דיע, נאהר באלד זייא וועלין אריין גייען אין דיע שוהלען און וועלין ענפערין אמן יש״ר מברך, וועלין מיר ניט לאזין דיא צרות ארוים גייען פון זייערי צימערין:

(טז) **דר** מדרש אגדת בראשית זאגט אויף דעם פסוק ומדברך נאוה דאס מיינט מען די פראסטי מענטשין עמי הארצים וואס זיי קענין ניט לערנין חומש, גמרא, מדרש זייא זענין אזוי וויא א מדבר וואס דארט וואקסט ניט קיין פירות (מכל שכן דיא שיינע יודין דיא תלמידי חכמים) אבער ווען זייא גייען אריין אין דיא שוהלען און בתי מדרשים און זייא זאגין דיא ברכות יוצר המאורות און מחיה המתים, און זייא ענפערין אמן און זייא זאגין מיר גלויבין אז ער האט בשאפין דיא ליכטיקייט און ער וועט לעבעדיג מאכין דיא טויטע מענטשין, וואס האט באשאפין, איז אפילו זיי האבין ניט מעהר נאהר דיא מצוה פון דעם אמן איז שוין פיר זייא גוט צו האבען עולם הבא, דאס זאגט ישעיהו הנביא קפיטל כ״ה, ה׳ אלהי אתה ארוממך, ווען אפילו מיר האבין ניט נאר דיא מצוה וואס מיר לויבען דיך און מיר זאגין נאך אמן אין דיא שוהלען און בתי מדרשים איז אויך פיר אונז א גרויסער שכר, דריבער דארף מען זייער צו לויבין

השי״ת

מאבד שכר מצוה בין קטנה בין גדולה: פירוש שנותנין שכר על עניית אמן:

(יז) **מדרש** תהלים ל״א אמונים נוצר ה׳ [תהלים ל״א] אלו שעונים אמן באמונה, אומרים ברוך מחיה המתים ועדיין לא ראו תחיית המתים ומאמינים בי שאני מחיה המתים, אומרי׳ ברוך גאל ישראל, ועדיין לא נגאלו אלא לשעה וחזרו ונשתעבדו והם מאמינים שאני עתיד לגאלם, הוי אמונים נוצר ה׳:

(יח) **מדרש** הובא ברוקח שכשישראל אומרים אמן יהא שמי׳ רבא אומר הקב״ה מתי אקבץ את שארית ישראל מבין העכו״ם:

(יט) **מדרש** תלפיות ענף אמן, כתב האריז״ל כששומע שאומרים קדיש אם הוא יושב א״צ לעמוד רק יהי׳ יושב ועונה איש״ר, ואם הוא עומד ישאר עומד וכו׳, אבל בתוצאות חיים ז״ל כתב שיאמר איש״ר מעומד ובכוונה גדולה ובקול רם עכ״ל:

---

השי״ת וואס עהר מאכט ניט פערלוירען גייען, קיין שום מצוה סיי א גרויסע סיי א קליינע, השי״ת גיט שכר פאר ענטפערין אמן:

(יז) **מדרש** תהלים עס שטייט אין פסוק אמונים נוצר ה׳ (תהלים לא) דיע גלויביגע היט השי״ת, מיינט מען די מענטשין וואס ענטפערין אמן [מיר גלויבין], אז מען זאגט ברוך מחיה המתים, אז מען גלויבט אז השי״ת מאכט לעבעדיג די טויטע, און תחיית המתים איז נאך ניטא, נאר זייא גלויבין אז איך וועל לעבעדיג מאכין דיע טויטע, און אז מען זאגט ברוך גאל ישראל, גילויבט איז השי״ת וואס עהר טהוט אויס לייזין דיע יודין פון גלות, און באמת זענין זייא אויסגילייזט נאר פאר לויפיג, דען דער נאך זענין זייא צוריק אין גלות, און פון דעסטוועגין גלויבען זייא אז איך וועל זייא נאך אמאהל איינגאנצין אויס לייזען, און ענטפערין אמן, דאס מיינט מען אמונים כו׳ דיע גלויביגע טוהט השי״ת היטין:

(יח) **אין** מדרש שטייט ווען יודין זאגין אמן יהשר״מ, זאגט השי״ת ווען וועל איך שוין איין זאמלין די איבער געבליבינע יודען פון צווישען דיע עכו״ם:

(יט) **אין** מדרש תלפיות שטייט פון האר״י ז״ל, אז מען הערט קדיש אויב מען זיצט ברויך מען זיך ניט אויף שטעלין, נור אויב עהר שטייט זאל עהר בלייבין שטיין און ענטפערין, אבער אין ספר תוצאות חיים שטייט אז מען דארף זאגין אמן יהא שמיה רבה שטייענדיג מיט גרויס כוונה און מיט א הויכע שטימע, עכ״ל:

(כ) **רוקח** סימן ש״ל כתב אמן גימטריא כמו אדנ׳ הוי׳ כאלו הזכיר ב׳ שמות, ולכן אמרו חז״ל גדול העונה אמן יותר מן המברך:

(כא) **כתב** הטור סימן קכ״ד וז״ל, אמחז״ל מאי דכתיב שומר אמונים אלו שאומרים אמנים באמונה וכו׳, אמר ר״ש כל העונה אמן בכל כחו פי׳ כוונתו, פותחין לו שערי ג״ע שנאמר פתחו שערים ויבוא גוי צדיק שומר אמונים א״ת שומר אמונים אלא שאומרים אמן, הרי מבואר בדברי רז״ל שעיקר עניית אמן הוא הכוונה שבה ולא עניית התיבה בלבד אלא שיכוין לבו, והכוונה של אמן הוא כמו שמבו׳ במחבר סע״ו וז״ל, ובכוונה שיכוון בלבו אמת היא הברכה שבירך המברך ואני מאמין בזה:

(כב) **וכתב** שם המג״א סעיף קטן י׳ וז״ל וזהו בברכת הודאה ברוך שאמר וישתבח וגאל ישראל, אבל בתפלה צריך שיכוון אמת הוא ואני מתפלל שיאמנו דבריו [ופי׳ הפרי מגדים בא״א סעק״י במהרה] דהיינו בברכת מחיה המתים יכוין אמת הוא ואני מאמין בזה שהוא יחי׳ המתים והלואי שיהי׳ במהרה תחיית המתים, ובברכת אתה חונן לאדם דעת יכוין אמת הוא שהוא חונן הדעת ואני מאמין בזה ויה״ר שיחונן אותנו

---

(כ) **דער** רוקח שרייבט אז אָמֵן באטרעפט איינאונצוואנציג אזוי פיל וויא די צוויא שמות הקדושים הוי׳ אדנ׳ באטרעפין, צו ווייזין אז דער שׂכר פון אָמֵן איז אזוי וויא ער וואלט דער מאנט ביידע שמות, דריבער האבין די חכמים גיזאגט אז דער שׂכר פון ענטפערין אָמֵן איז נאך גרעסער פון שׂכר פון דעם וואס מאכט די ברכה:

(כא) **דער** טור או״ח סימן קכ״ד שרייבט, דאס וואס די גמרא דרשינט שומר אמונים מיינט מען אז ער זאגט אָמֵן באמונה כו׳ איז נור דער עיקר פון ענטפערין אָמֵן דיא כוונה, אבער ניט דעם בלויזען ווארט אָמֵן, נור מען מוז אין זינין האבען דעם פשט פון אָמֵן אז ס׳איז אמת אזוי וויא דער וואס מאכט די ברכה. און די כוונה פון דעם אָמֵן איז אז ס׳איז אמת וואס דער מענטש האט גימאכט דיא ברכה און איך גלויב אין דעם, עכ״ל המחבר:

(כב) **שרייבט** דארט דער מגן אברהם דיא כוונה איז נור ביא אלויב ברכה, דהיינו ברוך שאמר, און ישתבח, און גאל ישראל אבער די ברכות וואס מען בעט און מען איז מתפלל, זאל מען אין זינן האבין, איך גלויב אז השי״ת וועט בוודאי מקיים זיין זיינע רייד. דהיינו ברוך מחיה המתים זאל ער מכוין זיין אז ס׳איז אמת און איך גלויב אז ער וועט מחיה מתים זיין, הלואי ס׳זאל גישעהן ג״ך, ביי אתה חונן לאדם דעת, זאל ער מכוין זיין ס׳איז אמת ער איז אחונן לאדם דעת,

און

מהרה בדעת, וכן בברכת השיבנו שמסיים הרוצה בתשובה, יכוין אמת שהוא רוצה בתשובה ואני מאמין בזה ויעורר את לבבינו לתשובה שלימה במהרה ויקרבנו לעבודתו, וכן בברכת סלח לנו שמסיים חנון המרבה לסלוח, יכוין אמת הוא שהוא חנון המרבה לסלוח ואני מאמין בזה, ויסלח לנו מהרה על כל חטאינו ופשעינו, וכן הלאה בכל הברכות האמצעות שבתפלת י״ח:

(כג) **וכתב** בא״ר סעק״י שגם בברכת רצה ושים שלום ושלום רב שהם בקשות יכוין גם כן כנ״ל, ואחר שאלות ובקשות כגון אמן שאחר הקדיש ואמן שאחר ברכת כהנים והרחמן שבברכת המזון ואחר זכרינו שביעלה ויבא ודומיהן שאין בהם שבח כי אם תפלה ובקשה לעתיד יכוין יהי רצון שיאמנו ויתקיימו בקשות המברך. עיין בטו״ז סעק״ג ובמחהש״ק סעק״י ובשל״ה דף רנ״ד שכתבו כן, והאמן של ברכת המצות שנוסח שלהם אשר קדשנו כגון ברכת ענ״י וציצית ותפילין ודומיהם מבואר בשל״ה דף רנ״ג ע״ב וז״ל שכוונת הברכות הללו הוא שאנחנו מברכין לשמו יתברך על כל הטוב אשר גמלנו טיהר וקידש אותנו במצותיו הקדושו׳

---

און איך גלויב אין דעם, און מיר בעטין עהר זאל אונז חונן זיין מיט דעת און אזוי ביי השיבנו לאזט עהר אויס הרוצה בתשובה, זאל עהר מכוין זיין ס׳איז אמת אז עהר איז ארוצה בתשובה, און איך גלויב דאס און בעט עהר זאל מעורר זיין אונזערע הערצער צו תשובה שלימה און מקרב זיין צו זיין עבודה, און ביי סלח לנו לאזט זיך אויס חנון המרבה לסלוח, ס׳איז אמת און איך גלויב אז עהר איז אחנון המרבה לסלוח און מיר בעטין עהר זאל אונז מוחל זיין אונזערע זינד, און אזוי ביי אלע ברכות פון שמונה עשרה:

(כג) **שרייבט** דער אלי׳ רבה סעיף קטן י׳, אז ביי די ברכות פון רצה און שים שלום, וואס זיי זענין לשון בקשה, זאל עהר מכוין זיין ווי מיר האבין אויבין גישריבען, און נאך גיבעטין ווי אמן פון ברכת כהנים און הרחמן ביי׳ם בענטשען און נאך זכרון הזה פון יעלה ויבא וכדומה, ווי ס׳איז אין זיי ניטא קיין שבח נור בקשה אויף להבא, זאל ער מכוין זיין ס׳זאלין וואהר און מקוים ווערין די בקשות פון מברך. זעה אין טו״ז סעיף קטן ג׳ ומחצית השקל סעיף קטן י׳ און של״ה דף רנ״ד זייא שרייבען אזוי, און אמן פון מצות וואס זייער נוסח איז אשר קדשנו במצותיו, ווי על נטילת ידים, ציצית, תפילין וכהנה, ברענגט דער של״ה דף רנ״ג ע״ב מיט דעם לשון אז די כונה פון די ברכות איז אז מיר לויבען זיין נאמען יתברך אויף דעם גאנצען גוטס וואס עהר האט אונז גיהייליגט מיט

זייגע

וכו׳ והוא יתברך ציונו בזו המצוה להתעטף בציצית או להניח תפילין וכדומיהן מהציוויין, אז העונה אמן אחר המברך צריך לכוין אמת ואמונה הוא השבח והברכה שבירך המברך ואני מאמין בה, ויש מהן שהן ברכת ההודאה לו יתברך כגון ברכת אשר יצר ואלהי נשמה, וכל הברכות של שחרית ושלשה ברכות ראשונות של הח״י ברכות, והברכות של בהמ״ז ודומיהן, הם ברכות הודאה ויכוין העונה אמת הוא הברכה וההודאה שבירך והודה המברך על כל הטוב אשר גמלנו ה׳ ואני מודה ומאמין בזה, וברכת ברוך שאמר וישתבח וברכת הא׳ הקדוש הם ברכת השיר והשבח ויקר וגדולה לא׳ מלך יוצר כל ית׳. והעונה אמן אחר אלו יכוין אמת הוא הברכה והשבח שבירך המברך, ויכוין מעין הברכה ואני מודה ומאמין שהשבחים לו יתברך הם נאים ויאים, והאמן של ברכות הנהנין יכוין העונה אמת הוא השבח והברכה שבירך המברך שהוא יתבר׳ ברא והמציא זה הפרי עכ״ל השלה״ק דף רנ״ג ע״ב:

(כד) **כתב** בש״ע בסימן נ״א סע״א דאם סיים ברוך שאמר קודם שסיים החזן עונה אחריו אמן, וכתב שם המג״א סע״ק ב׳ אבל אם סיים עם החזן בבת אחת לא יענה אמן דהוי כעונה אמן אחר ברכותיו, ומסיק וז״ל ומ״מ נראה לי דאם סיים ישתבח וי״ד׳כ׳ו׳ת׳יי״ה׳ו׳ עם הש״ץ

---

זיינע הייליגע מצות, אונז געבאטען אויף ציצית און תפילין לייגען און נאך און דער וואס ענטפערט אמן ברויך מכוין זיין ס׳איז אמת דער שבח און ברכה וואס עהר האט געמאכט און איך גלויב אין דעם. אטהייל פון די ברכות וואס זענען אלויב צו השי״ת ווי אשר יצר, אלהי נשמה, און די ברכות פון שחרית, די ערשטי דריי ברכות פון שמו״ע, און ברכת המזון, זאל עהר מכוין זיין ס׳איז אמת די לויב און דאנק וואס דער מברך האט גיזאגט און גילויבט און איך גלויב אין דעם. ברוך שאמר און ישתבח און הא׳ הקדוש זענין לויב און טייערקייט צו השי״ת וואס עהר איז איוצר כל, און דער וואס ענטפערט אמן זאל מכוין זיין ס׳איז אמת די ברכה און לויב וואס דער מברך זאגט און איך גלויב אז די שבחים פאסין זייער שיין צו איהם יתברך, און ביי ברכות הנהנין, ס׳איז אמת וואס דער מברך זאגט אז השי״ת האט באשאפען און ממציא גיוועזין דיע פרי, ביז אהער איז דאס לשון השל״ה דף רנ״ג:

(כד) **דער** שולחן ערוך סימן נ״א שרייבט אויב עהר לאזט אוים ברוך שאמר פארין חזן ברויך עהר ענטפערין אמן, שרייבט דארט דער מגן אברהם אויב עהר האט אויסגילאזט ב״ש גלייך מיט דעם חזן טאר עהר נים ענטפערין אמן, נור ביא דער ברכה פון ישתבח און פון יהללוך

עונה אמן, וה״ה אם החזן סיים ברכה אחרת והוא אמר ברכה אחרת (וסיים עם הש״ץ) מותר לענות אמן עכ״ל, ומ״ש וי'ד'כ'ו'ו'ת'י'י'ה'ו' כתב המחהש״ק כוונתו דהיינו יהללוך שבסוף הלל ואחר ברכת שומר עמו ישראל לעד, (תו ופרוס בליל ש״ק) עונה עליהם אמן אפילו אם סיים בשוה. וכתב שם הפמ״ג בא״א סק״ג דבאמצע ב״ש או ישתבח עונה אמן על כל ברכה ששומע כיון שלא נזכרו בגמרא:

(כה) **אבל** באמצע ברכות ק״ש של שחרית או ערבית, אם שומע ברכה אין לענות אחרי' אמן חוץ מהא־ל הקדוש ושומע תפלה ואמן יהא שמי' רבא ואמן דאמירן בעלמא דקדיש, ובמודים יענה מודים אנחנו לך ולא יותר, אבל בשאר ברכו' ששומע לא יענה, ובברוך שאמר וישתבח יענה אמן על כל הברכות ששומע, עכ״ל:

(כו) **כתב** המחבר באו״ח סי' קכ״ד סעיף ד' וז״ל כשש״ץ חוזר התפלה יש להקהל לשתוק ולכוון להברכות שמברך החזן ולענות אמן ואם אין ט' מכוונים לברכותיו, קרוב להיות שברכותיו לבטלה:

---

יְהַלְלוּךָ נאך הַלֵל, און די בְּרָכָה פון שׁוֹמֵר עַמּוֹ יִשְׂרָאֵל לָעַד, אָדער פרייטיג צו נאכט וּפְרוֹס מעג ער זי ענטפערן אָמֵן אפילו ער לאזט אויס די ברכות גלייך מיט'ן חזן. שרייבט דארט דער פרמ״ג אז ער האלט אין מיט יְהַלְלוּךָ פון הַלֵל אָדער יִשְׁתַּבַּח און דער חזן לאזט אויס דיע ברכה מעג ער ענטפערן אָמֵן, און אויך אויף אַלֶע ברכות:

(כה) **אָבער** אז ער האלט אין מיטען די ברכות פון קריאת שמע פון שחרית, יוצר המאורות, אהבה רבה, אמת ויציב וכהנה, און די ברכות פון ק״ש פון מעריב, אז מען הערט א ברכה טאהר מען ניט מפסיק זיין מיט אָמֵן נור נאך די ברכה פון הָאֵל הַקָדוֹשׁ, און שׁוֹמֵעַ תְּפִלָּה און אָמֵן ישר״מ און אָמֵן נאך דַאֲמִירָן בְּעָלְמָא פון קדיש, און נאך זאגין מודים אֲנַחְנוּ לָךְ דיע ווערטער ניט גאנץ מודים דרבנן, אבער נאך אנדערע ברכות וואס מען הערט חוץ די ברכות טאר מען ניט ענטפערן אָמֵן אין מיט ברכה פון דעסט וועגין ביי די ברכה פון ברוך שאמר און ישתבח מעג מען יוא ענטפערן אמן אין מיט דיע ברכה נאך אלע מיני ברכות וואס מען הערט ע״ש טעמו:

(כו) **דער** מחבר אין או״ח סי' קכ״ד סעיף ד' שרייבט אז דער חזן זאגט די הויכע שמונה עשרה ברויך קהל זיין שטיל און מכוון זיין אלעם וואס דער חזן זאגט און ענטפערן אָמֵן, אבער אז ס'איז נימא ניין מענטשין זאלין ענטפערן אָמֵן איז נאהנט אז די ברכות זאלען זיין ח״ו לבטלה:

(כז) **ולכן** כתב בספר ראשית חכמה בשער הקדושה פרק י״ז וז״ל גם המבורך ברכה לבטלה הוא כמוציא ז״ל ר״ל ואפשר שיטמאוהו בקרי ר״ל וצריך ליזהר בזה בפרט שליח צבור שלא יחזור תפלת י״ח אם אין תשעה שיענו אמן, עכ״ל. ורבים מעמי הארץ נכשלים בזה כשהם בביהכ״נ בשעה שהש״ץ חוזר התפלה ואין עונין אמן וכמעט אין עשרה עונין אמן והש״ץ עושה ברכות לבטלה והם גורמין לכל הנ״ל. וכמו כן הדין בקריאת התורה הובא במחבר סימן קל״ט סעיף ו׳ וז״ל, אומר ברכו והברכות בקול רם והאומרים בלחש הם טועין, וי״א שצריך לחזור ולברך בקול רם, וכתב המגן אברהם סעי״ק י׳ שאין לאמרו כי אם בעשרה והאומרים בלחש אינו מועיל דהוי יחיד, וה״ה לקדיש ולברכו. ובחיי אדם הלכות קרה״ת כלל ל״א סי׳ י״ב כתב וז״ל והמברך בלחש קרוב להיות ברכתו לבטלה:

**ובספר** חסידים סי׳ רנ״ד כתב האומר בלחש ברכו׳ התורה ושאר ברכות הוא חוטא וגוזל את המקום, שהרי לא נמצא מי שיענה אמן אלא א״כ מרים קולו בברכות, ובסי׳ תת״כ כתב, כשיברך להקב״ה יברך בקול רם שיזדעזעו כל הקרבים עכ״ל. וכן כתב בבאר היטב סי׳ תרמ״ג

---

(כז) **אין** סֵפֶר רֵאשִׁית חכמה שְׁטֵייט אַז מֶען מַאכְט אַ בְּרָכָה לְבַטָּלָה אִיז גְלַייךְ וויא מ׳איז מוֹצִיא ז״ל ר״ל, און דיא חִיצוֹנִים זֶענֶען דֶעם מֶענְטשׁ מְטַמֵּא מִיט זֶרַע לְבַטָּלָה ר״ל, בְּרוּיךְ מֶען זַיין גִיוָוארִינְט אִין דֶעם בִּפְרַט אַ שְׁלִיחַ צִבּוּר, אַז עֶהר זָאל נִיט זָאגִין דִי הוֹיכֶע שְׁמוֹנֶה עֶשְׂרֵה אוֹיבּ ס׳אִיז נִיט דָא נַיין זָאלִין עֶנְטְפֶערִין אָמֵן, ע״כ אַזוֹי וִוי פִיהל מֶענְטשִׁין וֶוערִין נִכְשָׁל אַז דֶער חזן זָאגְט אִיבֶּער דִי שְׁמוֹנֶה עֶשְׂרֵה עֶנְטְפֶערִין זֵיי נִיט אָמֵן אִיז דָאךְ דִי עֲבֵירָה פוּן בְּרָכוֹת לְבַטָּלָה אוֹיף זֵיי. און בַּיי קְרִיאַת הַתּוֹרָה בְּרֶענְגְט דֶער מחבר סימן קל״ט סעיף ו׳, אַז בָּרְכוּ און בְּרָכוֹת בְּרוּיךְ מֶען זָאגֶען הוֹיךְ, דִי וָואס זָאגֶען שְׁטִיל הָאבִּין אַ טָעוּת, מְהַייל זָאגִין אַז מֶען בְּרוּיךְ אִיבֶּער זָאגֶען נָאךְ אַ מָאהל הוֹיךְ, שְׁרַייבְּט דָארְט דֶער מגן אברהם סעי״ק י׳ מֶען זָאל נִיט זָאגִין בָּרְכוּ סַיידִין אַז ס׳אִיז דָא צֶעהְן מֶענְטשִׁין און אַזוֹי בַּיי קַדִּישׁ וּבָרְכוּ. דֶר חַיֵּי אָדָם כלל ל״א סי׳ י״ב שְׁרַייבְּט אַז מ׳מַאכְט אַ בְּרָכָה בַּיי דֶ׳ר תּוֹרָה שְׁטִיל אִיז נָאהֶנְט אַז דִי בְּרָכָה זָאל זַיין לְבַטָּלָה:

**דֶער** ספר חסידים שְׁרַייבְּט אַז מ׳מַאכְט אַ בְּרָכָה שְׁטִיל אִיז עֶהר אַ חוֹטֵא וָואס גַזְלְ׳ט פוּן השי״ת דֶעם אָמֵן וַוייל מֶען הֶערְט נִיט דִיא בְּרָכָה מ׳זָאל עֶנְטְפֶערִין אָמֵן, דְרוּם זָאל דֶער עוֹלֶה לַתּוֹרָה מַאכֶען דִי בְּרָכָה הוֹיךְ מ׳זָאל הֶערִין און עֶנְטְפֶערִין אמן, עכ״ל. נָאךְ שְׁרַייבְּט עֶהר סימן תת״כ אַז מ׳מַאכְט אַ בְּרָכָה בְּרוּיךְ מֶען זיא מַאכֶען הוֹיךְ, און אַזוֹי שְׁרַייבְּט אוֹיךְ דֶר

סעיף קטן א׳ דכל אדם ירגיל עצמו לומר כל הברכות בקול רם כי הקול מעורר הכוונה, בשם השל״ה הקדוש:

(כח) **וכתב** שם המחבר סעיף ד׳ לכן כל האדם יעשה עצמו כאילו אין ט׳ זולתו ויכון לברכת הש״ץ, וכ׳ הרמ״א וי״א שכל העם יעמדו בשעה שחוזר הש״ץ התפלה, ובספר אור צדיקים אות מ״ז כתב שהאר״י ז״ל הי׳ מעצים עיניו כשהי׳ הש״ץ חוזר תפלת י״ח כמו כשהי׳ הוא עצמו מתפלל בלחש, עכ״ל:

**וכתב** שם המחבר סעיף ו׳ ויענו אמן אחר כל ברכה בין אותם שיצאו בין אותם שלא יצאו ידי תפלה:

(כט) **ובסעיף** ז׳ כתב המחבר לא ישיח בשעה שש״ץ חוזר התפלה, ואם שח הוא חוטא וגדול עונו מנשוא וגוערין בו. וכן בעת קריא׳ התורה דינו מפורש בש״ע סי׳ קמ״ו סעי״ב וז״ל כיון שהתחיל הקורא לקרות בספר תורה אסור לספר אפילו בדברי תורה, וכמו שהזהיר בזה גם בזוהר הקדו׳ ויקהל דף ר״ו ע״א דאפילו בד״ת אסור לספר בעת קרה״ת, וכתב המג״א סעי״ק ד׳ בשם הב״ח אבל בין גברא לגברא מותר בפרט האידנא

---

באר היטב אין שולחן ערוך סימן תרמ״ג סעי״ק א׳ פארן של״ה הקדוש אז יעדער מענטש זאל זיך געוואוינען זאגען אלע ברכות הויך, ווארען דער קול דער וועקט די כוונה:

(כח) שרייבט דארט דער מחבר אז יעדער מענטש זאל זיך רעכינען ווי ס׳וואלט חוץ איהם ניט געוועזין קיין מענטשין, און זאל מכוין זיין צו הערן די ברכות פונ׳ם חזן, שרייבט דער רמ״א ס׳פארהאן א דעה אז דאס קהל זאל שטיין בשעת דער חזן זאגט חזרת הש״ץ. דער ספר אור צדיקים שרייבט אות מ״ז, דער אר״י הקדוש ז״ל פלעגט צו האלטען פערמאכט די אויגען ווען דער חזן האט געזאגט די הויכע שמונה עשרה גלייך ווי ער האט גיטוהן ביי זיין אייגענע שמו״ע:

שרייבט ער דארט אז מ׳זאל ענטפערין אמן נאך יעדער ברכה, סיי די וואס האבין שוין יוצא געוועזין סיי די וואס האבין ניט יוצא געוועזין חובת תפלה:

(כט) מען זאל ניט ריידן בשעת דער חזן זאגט די שמונה עשרה, און ווער ס׳רייד איז א חוטא ס׳איז א גרויסע עבירה און מ׳שרייט אהן אויף איהם, און אזוי אויך ביי קריאת התורה דער דין איז מפורש אין שלחן ערוך סימן קמ״ו סעיף ב׳ מיט דעם לשון, אז דער קורא הויבט אהן לייענין אין דער תורה טאר מען ניט שמועסין אפילו דברי תורה (וויא אין זוהר ווערט גיבראכט), שרייבט דער מגן אברהם סעיף קטן ד׳ פארן ב״ח אז

צווישן

שמאריכין במי שבירך עכ"ל המגן אברהם, אבל באמצע הקריאה כתב שם סעי"ק ה' דאסור אפי' להורות לאדם ששואל לפי שעה או לפרש שום דבר תורה אסור, בשם הרי"ף ז"ל:

(ל) **וכתב** שם הרמ"א וז"ל וילמוד בניו הקטנים שיענו אמן כי מיד שהתינוק עונה אמן יש לו חלק לעוה"ב:

(לא) **וכתב** שם המגן אברהם סעי"ק י"א וצריך שיחנכם שיעמדו באימה וביראה, ואותן שרצים ושבים בבית הכנסת בשחוק מוטב שלא להביאם עכ"ל המג"א, ובא וראה מה שכתב התנא דב"א רבא פרק י"ג מעשה באדם אחד שהי' עומד הוא ובנו בבית הכנס' וכל העם עונין אמן והללויה אחר העובר לפני התיבה ובנו עונה דברים של תפלות ולא אמר לו אביו שום דבר ואמרו לו הבדיות שימחה בבנו, והשיב להם מה אעשה לו תינוק הוא ישחק, שוב למחר עשה כן, כל אותן ימי החג ענה בנו דברים של תפלות ולא אמר לו אביו שום דבר, לא יצתה אותה שנה ולא שניה ולא שלישית עד שמתו אשתו ובניו ובני בניו ויצאו לו חמש

---

צווישען איין עולה און צווייטען נאך די ברכה מעג מען יוא, בפרט היינטיגע צייט וואס מ'מאכט מי שבירך עכ"ל, אבער אין מיט לייענען שרייבט דער מג"א סעי"ק ה' אז אפילו פסק'נען א שאלה אדער מפרש זיין דברי תורה טאהר מען ניט, עכ"ל בשם הרי"ף ז"ל:

(ל) **שרייבט** דארט דער רמ"א מ'זאל לערנען די קליינע קינדער זאגען ענטפערין אמן, ווייל וויבאלד אקינד הויבט אהן ענטפערין אמן האט עהר שוין א חלק אויף יענער וועלט:

(לא) **שרייבט** דארט דער מג"א ס"ק י"א, מען ברויך זיי געוואנען זאלין שטייען מיט אימה ויראה, און דיא וועלכע לויפען אום א הון און קריג אין שוהל מיט שפילען זיך איז גלייכער אז מ'זאל זיי ניט ברענגען אין שוהל, ע"כ לשון המגן אברהם, און ס'שטייט אין תנא דבי אלי' רבה פ' י"ג, עס איז געוועזין א מעשה איין מענטש איז געוועזין אין שוהל מיט א קינד, און דער גאנצער עולם האט געענטפערט אמן און הללויה נאך דעם חזן, אבער דאס קינד האט גירייד נארישע רייד און דער פאטער האט איהם גאר ניט גיזאגט, האבין מענטשין איהם גיזאגט אז ער זאל ווערין זיין קינד, האט ער געענטפערט, וואס זאל איך איהם טוהן עהר איז דאך אקינד זאל עהר זיך שפילען, צו מארגענס האט ער אויך אזוי גיטוהן, די גאנצע צייט פון יום טוב האט דאס קינד אויך גירייד וכו' און דער פאטער האט גאר ניט גירייד, עס איז ניט אוים גיגאנגען צוויי דריי יאהר ביז ס'זענין אוים גישטארבין די ווייב מיט די קינדער און די אייניקלעך

עשרה נפשות מתוך ביתו ולא נשתייר לו אלא שני בנים אחד חיגר וסומא ואחר שוטה ורשע עכ"ל התדב"א, ובא וראה אחי את גודל העונש למי שאינו מחנך את בניו בביהכ"נ ליראת שמים:

(לב) **עוד** איתא שם בתנא דבי אליהו שוב מעשה באדם שהי' מתחרט בעצמו שלא קרא ולא שנה פעם הייתי עומד אני והוא בבהכנ"ם כיון שהגיע שליח ציבור לקדושת השם הגביה אותו בן אדם את קולו וענה אחריו בקול רם קדושת השם ואמר קדוש קדוש קדוש וכו', אמרתי לו בני מה ראית שהגבהת את קולך עד מאוד, ואמר לי לא די שלא קריתי ולא שניתי אלא עכשיו שניתן לי רשות אגביה את קולי ותנוח עלי נפשי, אמרו לא יצתה אותה שנה ולא שני' ולא שלישית עד שעלה אותו איש מבבל לארץ ישראל, עמדו ועשאוהו ממונה מבית קיסר ומינוהו על כל הבירניות שבארץ ישראל, ונתנו לו מקום ובנה בית וישב בה כל ימי חייו והניח לבניו ולבני בניו ממון הרבה עוד סוף כל הדורות, עכ"ל התנא דבי אליהו רבה פרק י"ג:

**ומזה** נוכל ליקח מוסר איך שמחשבה טובה אינה נאבדת בשמים ח"ו

---

לעך. אוּן ס'אַזוֹי אִיהם אָוֶועק פוּפְצֶעהְן נְפָשׁוֹת פוּן זַיין הוֹיז עֶס אִיז אִיהְם נוּר גִיבְּלִיבֶּען צְווֵיי קִינְדֶער. אֵיינֶער אִיז גִיוֶועזִין בְּלִינְד אוּן דֶער צְווֵייטֶער אַשׁוֹטֶה אוּן אַרָשָׁע, בִּיז אַהֶער אִיז דֶער לָשׁוֹן פוּן תנא דב"א. הַיינְט זֶעה בְּרוּדֶער דִי גְרוֹיסֶע שְׁטְרָאף פוּן אַ מֶענְטשׁ וָואס גִיוֵוייְנְט נִיט זַיינֶע קִינְדֶער צוּ יִרְאַת שָׁמַיִם אִין שׁוּהל:

(לב) **נָאךְ** שְׁרַייבְּט דָארְט דֶער תנא דבי אלי' ווִידֶער אִיז גִיוֶועזִין אַ מַעֲשֶׂה אַ מֶענְטשׁ הָאט חֲרָטָה גִיהַאט וָואס עֶר הָאט נִיט גִילֶערְנְט קֵיין חוּמָשׁ אוּן מִשְׁנָיוֹת, אַיין מָאהְל בִּין אִיךְ מִיט אִיהְם גִיוֶוען אִין שׁוּהל אַז דֶער חזן אִיז גִיקוּמֶען צוּ קְדוּשָׁה, הָאט דֶער מֶענְטשׁ אוֹיף גִיהוֹיבִּין זַיין קוֹל אוּן הָאט גִיזָאגְט קָדוֹשׁ קָדוֹשׁ קָדוֹשׁ כו', הָאב אִיךְ אִיהם גִיפְרֶעגְט מַיין קִינְד וָואס הָאסְטוּ עֶפִּיס אַזוֹי הוֹיךְ גִישְׁרִייעֶן, הָאט עֶהר מִיר גִיזָאגְט לֹא דַי וָואס הָאב נִיט גִילֶערְנְט נוּר יֶעצְט אַז אִיךְ הָאבּ רְשׁוּת ווִיל אִיךְ שְׁרַייעֶן אִיךְ זָאל מַיין נְשָׁמָה אַ טוֹבָה טְהוּעֶן, אָמְרוּ, עֶס אִיז נִיט אַוֶועק צְווֵיי דְרַיי יָאהר בִּיז דֶער אֵייגֶנֶער אִיז אוֹיף גִיגַאנְגֶען פוּן בָּבֶל קֵיין אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל, הָאט מֶען אִיהם דָארְט גִימַאכְט פוּן קֵיסר פַאר אַ מְמוּנָה אוֹיף אַלֶע בִּירָנִיוֹת וָואס אִין אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל אוּן מ'הָאט אִיהם גִיגֶעבְּן אַ פְּלַאץ אוּן עֶהר הָאט זִיךְ גִיבּוֹיט אַ הוֹיז אוּן אִיז גִיזֶעסִין דֶרִינֶען זַיין גַאנְץ לֶעבִּין, אוּן עֶר הָאט אִיבֶּער גִילָאזִין פַאר דִי קִינְדֶער אוּן אֵיינִיקְלִיךְ פִיהל גֶעלְד אוֹיף דוֹר דוֹרוֹת, בִּיז אַהֶער אִיז דֶער לָשׁוֹן פוּן תד"א פֶּרֶק י"ג:

רק מבצבץ ועולה עד לרקיע ונבין מזה כמה טובות יש להאדם המחנך לבניו למחשבות טובות וישרות שכמה גדול שכרו בשמים:

(לג) **וכתב** שם המ״א סק״ח והאנשים שלומדים בעת חזרת הש״ץ התפלה, או אומרים תחנונים, בספר ווי העמודים קרא תגר עליהם וכן משמע ממ״ש בסי׳ צ׳ סעיף י״ח עכ״ל המג״א, וכתב ע״ז הפרמ״ג בא״א ס״ק ח׳ וז״ל, בסימן צ׳ סעיף י״ד בהג״ה כתב שלא יעסוק בתורה בשעה שהצבור אומרים סליחות כ״ש שצריך לשמוע כל התפלה מהש״ץ ולא יעסוק בשום דבר עכ״ל:

(לד) **וכ״כ** בספר הגן ליום י״א שצריך להזהיר להמון עם שלא יאמרו תהלי׳ או מעמדות ושאר תחנונים בשעת חזרת הש״ץ כי בודאי אי אפשר לכוין כראוי. ועונים אמן קטופה, או חטופה, או יתומה, ואין זה מברך אלא מנאץ:

(לה) **וכתב** שם במשנ׳ ברורה ס״ק י״ז ע״כ יש ליזהר מלומר תחנונים או

---

**פון** דעם קען מען זיך א מוסר ארויס נעמען אז א גוטע מחשבה ווערט ניט פערלוירען אין הימעל ח״ו נור זי שפראצט און גייט אויף ביז׳ן הימעל, און פון דעם קען מען פארשטיין וויפיהל טובות האט דער וואס איז מחנך זיינע קינדער צו גוטע ריינע מחשבות ווי גרויס זיין שכר איז אין הימעל:

(לג) **שרייבט** דארט דער מג״א סעיף קטן ח׳ דיא מענטשען וואס לערנין אין דער צייט וואס דער חזן זאגט די הויכע שמו״ע, אדער זיי זאגין תפלות אבער תהלים, שרייעט דער ספר ווי העמודים אויף דעם. און אזוי ווייזט אויס אויך פון דעם וואס ס׳איז געשריבען אין סי׳ צ׳ סעיף י״ח, ביז אהער איז דער לשון פון מג״א, שרייבט אויף דעם דר פרמ״ג אין א״א סעי״ק ח׳ בזה הלשון, אין סי׳ צ׳ סעיף י״ח בהגה״ה, שרייבט ער מ׳זאל ניט לערנין אין דער צייט וואס דם צבור זאגט סליחות, אכל שכן אז מ׳ברויך אויס הערען די גאנצי תפלה פונ׳ם חזן און ניט עוסק זיין אין קיין שום זאך, ע״כ לשונו:

(לד) **און** אזו שרייבט אוך דר ספר הגן, אז מ׳ברויך ווארנען דעם המון עם זיי זאלין ניט זאגן קיין תהלים ומעמדות וכהנה בשעת דער חזן זאגט שמונה עשרה, ווייל ס׳איז אונמגליך מכוין זיין ווי גיהעריג ענפערין זיי א אפגיהאקטען אדער א גיחאפטען אדער א יתום׳דיגען אמן, הייסט ער ניט א מברך נור ח״ו א מנאץ:

(לה) **שרייבט** דארט דער משנה ברורה סעיף קטן י׳, דרום ברוך מען ניט זאגען תפלות אדער לערנין בשעת חזרת הש״ץ

אפילו

ללמוד בעת חזרת השליח צבור, ואפי' אם מכוונים לסוף הברכה לענות אמן כראוי שלא תהי' אמן יתומה כו' ג"כ לא יפה הם עושים, שמחטיאים את הרבים עכ"ל. ובסעיף קטן י"ח כתב המ"ב שם וז"ל, ויראה לכתחילה לכוין לשמוע כל הברכה ולא סוף הברכה בלבד עכ"ל:

(לו) **ובסע"ק** י"ט כת"ש במ"ב וז"ל, והעולם נוהגי' לצרף למנין ולהתפלל חזרת הש"ץ אפי' מי שיודעין בו שמשיח ואינו שומע חזרת הש"ץ כראוי, וג"ל דבכגון זה טוב להתנהג כמ"ש בס' שולחן שלמה שאז יתנה הש"ץ בינו לבין עצמו בחזרת התפלה שבאם לא יענו תשעה אמן אחריו ויכוונו לברכותיו שתהא אז התפלה בתורת נדבה עכ"ל:

(לז) **עוד** כתב המחבר שם בסעיף ח' דלא יענה אמן קצרה אלא ארוכה קצת כדי שיוכל לומר א' מלך נאמן [וכן צריך להרהר באמירת אמן א' מלך נאמן, תוס' שבת קי"ח ובפסקי תוס' שם]. כל המאריך באמן מאריכין לו ימיו ושנותיו, (ברכות מ"ז ע"ב):

(לח) **כתב** הרמ"א סי' ס"א סעי' י"ב שאין לענות על שום ברכה ב' פעמים אמן וכתב שם הלבוש דשרי לענות אמן ואמן בוא"ו

---

אֲפִילוּ עֶהר איז מְכַוֵין צוּ סוֹף בְּרָכָה צוּ עֶנְטְפֶערְן אָמֵן ווִי גֶיהֶערִיג, עֶס זָאל נִיט זַיין אַ אָמֵן יְתוֹמָה וכו' טְהוּן זֵיי אוֹיךְ נִיט גוּט, אוּן זֶענֶען נָאךְ מַחְטִיא אֶת הָרַבִּים עכ"ל. אין סעיף קטן י"ח שְׁרַייבְּט עֶהר מִיט דֶעם לָשׁוֹן מְ'זָאל זֶעהְן לְכַתְּחִלָּה מְכַוֵין זַיין אוֹיס צוּ הֶערְן דִי גַאנְצֶע בְּרָכָה נִיט בְּלוֹיז דֶעם סוֹף בְּרָכָה אַלֵיין, עכ"ל:

(לו) **אין** סְעִיף קטן י"ט שְׁרַייבְּט דָארְט דֶער משנה ברורה וז"ל דֶר עוֹלָם אִיז זִיךְ נוֹהֵג מְצָרֵף זַיין צוּם מִנְיָן אוּן צוּ דִי הוֹיכֶע שמו"ע אֲפִילוּ אַ מֶענְטְשׁ ווָאס מְ'ווֵייסְט אַז עֶהר שְׁמוּעֶסְט אוּן הָארְכְט נִיט חֲזָרַת הַשַּׁ"ץ ווִי גֶיהֶערִיג, דַאכְט מִיר אַז סְ'אִיז גוּט זִיךְ צוּ פִירֶען ווִי דֶער שֻׁלְחָן שְׁלֹמֹה שְׁרַייבְּט, אַז דֶער ש"ץ זָאל זִיךְ מַתְנֶה זַיין פַארְזִיךְ פַאר דֶעם חזרת הש"ץ אַז בְּאִם סְ'וֶועט נִיט זַיין נַיין מֶענְטְשִׁין זָאלִין נָאךְ זָאגִין אוּן מְכַוֵין זַיין צוּ זַיינֶע בְּרָכוֹת זָאל דִי תְּפִלָּה זַיין בְּתוֹרַת נְדָבָה, עכ"ל:

(לז) **נָאךְ** שְׁרַייבְּט דֶער מחבר סעיף ח', אַז מֶען זָאל נִישְׁט עֶנְטְפֶערְן קַיין קוּרְצֶען אָמֵן נוּר אַבִּיסֶל לַאנְג אַז מֶען זָאל קֶענֶען זָאגִין אֵ-ל מֶלֶךְ נֶאֱמָן [אוּן אַזוֹי דַארְף מֶען אִין זִינֶען הָאבִּין בַּיים עֶנְטְפֶערְן אָמֵן אֵ-ל מֶלֶךְ נֶאֱמָן הש"ת אִיז אַ וָוארְהַאפְטִיגֶער מֶלֶךְ], תוספ': דִי גְמָרָא זָאגְט אִין ברכות ווֶער סְ'אִיז מַאֲרִיךְ בַּיי אָמֵן דֶערְלֶענְגֶערְט מֶען אִיהְם זַיינֶע טֶעג אוּן יָאהְרִין:

(לח) **דֶער** רמ"א שְׁרַייבְּט סימן ס"א סעי"ק י"ב, אַז מְ'זָאל נִיט זָאגִין צְווֵיי מָאל אָמֵן נָאךְ קַיין שׁוּם בְּרָכָה, שְׁרַייבְּט דֶער לְבוּשׁ דָארְט,

והובאו דבריו בא״ר שם ס״ק י״ח:

**וכתב** הברכ״י סימן קכ״ד אות ח׳ דמי שנזדמן לו לענות שני אמנים על שני דברים מותר לומר אמן אמן כו׳ וטפי עדיף לומר אמן ואמן בוא״ו, עד כאן לשונו:

(לט) **ועיין** בפרמ״ג סי׳ ס״א סעיק״י שכתב דבר חדש בזה והוא דיש תרי גווני אמן אחד שאני מאמין שכן הוא והשני פירו׳ של בקשה, ר״ל שיאמנו הדברים וימלא משאלותינו, וא״כ בברכה שיש בה שני ענינים ע״ד משל רפאנו ה׳ ונרפא, רופא חולי עמו ישראל, שפיר יש לומר שני פעמים אמן שרי, כמו אנו ליה וליה עינינו תרי עניני שפיר דמי, [כמ״ש רש״י שם סוכה נ״ג ע״ב ד״ה אנו ליה וז״ל כיון דאתרי מילי כמדכר לי׳ תרי זימני ולאו אחדא מילתא תרי זימני לית לן בה עכ״ל רש״י ז״ל] ה״ה זה, ובתהלים שם סי׳ מ״א הי׳ שם שאלת צרכיו וגם האמנת דברים ושפיר דמי והבן, עכ״ל הפמ״ג:

**ולפי** זה כיון שמביא ראי׳ מתהלים מ״א דאתרי מילי שרי לענות שני פעמים אמן צריך לו׳ כמו שאמר דוד המלך ע״ה אמן ואמן בוא״ו המפסיק כמובן:

---

אַז מ׳מֶעג יוֹא זָאגְן אָמֵן וְאָמֵן מִיט אַוָא״ו:

**שְׁרַייבְּט** דֶער בִּרְכֵּי יוֹסֵף סִימָן קכ״ד אות ח׳ אַז וְוִיבַּאלְד ס׳אִיז אִיהְם אוּנְטֶער גִיקוּמֶען צוּ עֶנְטְפֶערְן צְוֵויי מָאהְל אָמֵן אוֹיף צְוֵויי זַאכִין מֶעג מֶען זָאגֶען אָמֵן אָמֵן כו׳ גְלַייכֶער אִיז צוּ זָאגְן אָמֵן וְאָמֵן מִיט אַוָא״ו, עד כאן לשונו:

(לט) **וֶועה** ווִי דֶער פרי מגדים סי׳ ס״א סעיף קטן י׳ שְׁרַייבְּט אַנַייֶע זַאךְ אַז ס׳אִיז פַארְהַאנֶין צְוֵויי מִינֵי אָמֵן, אֵיינֶער אִיז, אָמֵן אִיךְ גְלוֹיבּ אַז ס׳אִיז אֱמֶת, דֶער צְווייטֶער אִיז לָשׁוֹן בַּקָשָׁה, מֵיינְט מֶען אַז ס׳זָאל וָואר וֶוערְן אוּן ס׳זָאל עֶרְפִילְט וֶוערְן אוּנְזֶער בַּאגֶער, אִין אַבְּרָכָה וָואס ס׳אִיז אִין אִיהְר צְוֵויי זַאכִין, כְּמָשָׁל רְפָאֵנוּ ה׳, רוֹפֵא חוֹלֵי עַמּוֹ יִשְׂרָאֵל, קֶען מֶען זָאגִין צְוֵויי מָאל אָמֵן מֶעג מֶען אַזוֹי וִויא (אנו ליה וליה עינינו) ווַייל ס׳אִיז אִין אִיהְר דָא צְוֵויי זַאכִין (ווי רש״י זאגט דארט אין סוכה) אִין תהלים קפיטל מ״א אִיז אוֹיךְ פַּרְהַאנְן צְוֵויי זַאכִין בַּקָשָׁה, אוּן ס׳וָאלִין וָואהְר וֶוערִין, אִיז רִיכְטִיג צוּ זָאגִין צְוֵויי מָאהְל אָמֵן, עכ״ל:

**אַז** עֶהר בְּרֶענְגְט אַרְאָיָה פוּן תהלים אַז אוֹיף צְוֵויי זַאכִין מֶעג מֶען זָאגֶען צְוֵויי מָאהְל אָמֵן, בָּרוּךְ מֶען זָאגִין ווִי דָוִד הַמֶּלֶךְ עָלָיו הַשָּׁלוֹם הָאט גִיזָאגְט אָמֵן וְאָמֵן מִיט אַוָא״ו:

(מ) **וכתב** בס׳ תוספ׳ חיים כלל ו׳ סימן א׳ דאין לענות אמן אחר ובורא את הכל שבברכת יוצר אור, וכן אחר קונה שמים וארץ שבברכת מעין שבע, וכן אחר אמת וצדק שבברכה הפטורה, כמו שאין עונין אמן אחר ברכת המעביר שנה מעיני מטעם שהוא כמו באמצע הברכ׳ יעוי״ש בשם האחרונים:

(מא) **וכתב** ס׳ בית אהרן בהסדר היום באות ג׳ וז״ל יזהר כ״א שישמע מחברו כל ברכה שהוא צריך לאומרה בכדי שיענה אמן, כי איתא בכתבי האר״י ז״ל שהי׳ שומע ברכת השחר אפילו ממאה אנשים, אעפ״י שהי׳ יכול ברגע אחד לייחד כל העולמות, אפ״ה לא השגיח ע״ז ולא הי׳ מתעצל לשמוע אפי׳ מאה פעמים הנותן לשכוי בינה וכל הברכות עכ״ל, ובאות ז׳ שם כתב וז״ל, להתאמץ לענות אמן על כל הברכות הן ברכת השחר ושמו״ע וכל הקדישים ועל היהי רצון שאחר קריאת התורה ועל הרחמן שבברכת המזון, עכ״ל הק׳:

(מב) **וכ״כ** המג״א סי׳ קפ״ט ובש״ע הרב שם סע״ו שכל המברך את ישראל מצוה לענות אמן, ולפי״ז יש לענות אמן גם על כל מי שבירך מה שמברכים להאנשים העולים לתורה ועל מה שמברכים אז

---

(מ) **שטייט** אין ספר תוספות חיים כלל ו׳ סי׳ א׳ אז נאך די דאזיגע ברכות זאל מען ניט ענטפערין אמן נאך ובורא את הכל פון יוצר אור און קונה שמים וארץ פון ברכת מגן אבות פרייטאג צו נאכט׳ס און נאך אמת וצדק פון די הפטורה אזוי ווי מ׳ענטפערט ניט אמן נאך המעביר שנה מעיני ותנומה מעפעפי דען ס׳איז ווי אין מיטן איין ברכה:

(מא) **ס׳שטייט** אין ספר בית אהרן אין סדר היום אות ג׳ אז מ׳זאל הערין פון זיין חבר די ברכות כדי מען זאל ענטפערין אמן, און עהר שרייבט אז אין כתבי האר״י ז״ל שטייט אז דער האר״י הקדוש האט גיהערט די ברכות השחר אפילו פון הונדערט מענטשין אפילו עהר האט דאך גיקענט מייחד זיין אלע עולמות אין איין רגע פון דעסט וועגין האט עהר זיך ניט גיפוילט צו הערין אפילו הונדערט מאהל הנותן לשכוי בינה און אזוי אלע ברכות. אויך שרייבט עהר דארט מ׳זאל זיך שטאר־קין צו ענטפערין אמן נאך אללע ברכות סיי ברכות השחר סיי ברכות פון קריאת שמע און אויף אללע קדישים און אויך די יהי רצון׳ס נאך קריאת התורה און נאך אלע הרחמן׳ס פון ברכת המזון עכ״ל:

(מב) **און** אזוי שרייבט דער מגן אברהם סי׳ קפ״ט און דער אלטער רבי אין ש״ע הרב אז מען הערט בענטשין איוד דארף מען ענפרין אמן, קומט אויס אז מען הערט מאכין איוד א מי שבירך בשעת לייענין איז

מען

לצדיקים, וכתבו שם שלכן יש לענות אמן אחר הרחמן שבברכת המזון, עוד כת"ש בש"ע הרב סי' קפ"ט סעי"ה דמה שאנו אומרים בברכת המזון עושה שלום במרומיו ומסי' ואמרו אמן אף אם הוא מברך לבדו הוא אומר כן להמלאכים השומרים אותו, וכתב בספר חיי אדם כלל מ"ג סי' א' שכל השומע שהמברך מסיים בהברכה רביעית של ברהמ"ז לעולם אל יחסרנו, צריך לענות אמן כי כאן היא סוף הברכה, וכ"כ בסידור יעב"ץ לענות אמן אחר לעולם אל יחסרנו, וכן פסק הגר"א ז"ל בסידור שלו:

(מג) **וכתב** בש"ע או"ח סימן ו' סעיף ד' יש נוהגים שאחר שבירך אחד ברכת השחר וענו אחריו אמן חוזר אחד מהעונים אמן ומברך ועונים אחריו אמן, וכסדר הזה עושים כל אותן שענו אמן תחלה, וכ' המג"א שם סעיף קטן ט' וז"ל, נ"ל שעושים כן כדי לענות צ' אמנים, וכדאיתא בזוהר חדש, וכתב שם המחצית השקל וז"ל צ' אמנים וכמ"ש המקובלים שיראה שיהי' בתואר צדיק, שיענה בכל יום צ' אמנים, ד' קדושות, יוד קדישים, ק' ברכות, ובעשרה מאמרות ראיתי שיהדר שיהיו שנים שומעים ברכותיו ויענו עליהם אמן. והש"ך בחו"מ סימן שפ"ב כתב דהא דאמרינן

---

מֶען אויךְ מְחוּיָב צוּ עֶנְטְפֶערְן אָמֵן, שְׁרַייבְּן זֵיי דָארְט אַז דְרִיבֶּער נָאךְ אַלֶע הָרַחֲמָן'ס פוּן בִּרְכַּת הַמָזוֹן בְּרוֹיךְ מֶען עֶנְפֶערְן אָמֵן, נָאךְ שְׁרַייבְּט דֶער רַב שׁ"ע סימן קפ"ט סְעִיף ה', דָאס וָואס מִיר זָאגְן בַּיי'ם בֶּענְטְשְׁן עוֹשֶׂה שָׁלוֹם בִּמְרוֹמָיו כו' אוּן מ'לָאזְט אוֹיס וְאִמְרוּ אָמֵן, אֲפִילוּ מ'בֶּענְטְשְׁט אַלֵיין, וַוייל מ'זָאגְט דָאס צוּ דִי מַלְאָכִים וָואס הִיטֶען אִיהְם. אוּן דֶער חַיֵי אָדָם שְׁרַייבְּט אִין כלל מ"ז סי' א' אִין דֶער סִידוּר ר' יעב"ץ אַז מֶען הֶערְט אַז אֵיינֶער לָאזְט אוֹיס וּמִכָּל טוּב תָּמִיד לְעוֹלָם אַל יְחַסְּרֵנוּ פוּן בֶּענְטְשְׁן אִיז מֶען מְחוּיָב צוּ עֶנְפֶערְן אָמֵן וַוייל דָאס אִיז דֶער סוֹף פוּן דִי פִירְטֶע בְּרָכָה אוּן אַזוֹי פַּסְקְ'נְט דֶער ווִילְנֶער גָאוֹן אִין זַיין סִידוּר:

(מג) **דֶער** שֻׁלְחַן עָרוּךְ אורח חיים סימן ו' סעיף ד' שְׁרַייבְּט אַטֵייל וֶוענְ'ן זִיךְ נוֹהֵג אַז נָאךְ דֶעם ווִי אֵיינֶער הָאט גִיזָאגְט בִּרְכוֹת הַשַּׁחַר אוּן מֶען הָאט גִיעֶנְפֶּערְט אָמֵן, זָאגְט ווִידֶער אֵיינֶער בְּרָכוֹת אוּן מ'עֶנְפֶערְט ווִידֶער אָמֵן אוּן אַזוֹי כְּסֵדֶר. שְׁרַייבְּט דָארְט דער מגן אברהם סעיף קטן ט' אַז מֶען טְהוּט אַזוֹי כְּדֵי צוּ עֶנְפֶערְן נַיינְצִיג מָאהְל אָמֵן, ווִי ס'שְׁטֵייט אִין זוהר חָדָשׁ, שְׁרַייבְּט דָארְט דֶער מחצית השקל יֶעדֶער מֶענְטְשׁ זָאל וֶועהְן מְקַיֵים זַיין דִי אוֹתִיוֹת פוּן צ ד י ק דְהַיְינוּ, עֶר זָאל עֶנְפֶערְן אַלֶע טָאג צ', הַיְינוּ נַיינְצִיג מָאל אָמֵן, ד', פִּיעֶר קְדוּשׁוֹת, י' צֶעהְן קַדִישִׁים, ק', הוּנְדֶערְט בְּרָכוֹת. אוּן דֶער עֲשָׂרָה מַאֲמָרוֹת שְׁרַייבְּט אַז אֵיינֶער מַאכְט אַ בְּרָכָה זָאל עֶהר נָאךְ זוּכְ'ן צְווֵיי מֶענְטְשְׁן זָאלְ'ן הֶערְן זַיין בְּרָכָה אוּן עֶנְפֶערְ'ן אָמֵן.

דער

בש"ס שברכה שוה עשרה זהובים, היינו דוקא כשמברך בפני אחרים אבל לא כשמברך בינו לבין עצמו עכ"ל המחצית השקל;

(מד) **ולפי** דברי העשרה מאמרות הנ"ל פירש בספר הקדוש דרש משה על תהלים קפי' ל"א פסוק כ"ד אהבו את ה' כל חסידיו אמונים נוצר ה' כתב שם וז"ל, יש לפרש עפ"י מה דאמרינן בגמרא ב"ק דף ל' ע"א האי מאן דבעי למיהוי חסידא יקיים מילי דברכות, והנה קשה מאד וכי מי שאינו מקיים מילי דברכות חסיד הוא דלא מיקרי הלא רשע הוא ונקרא גזלן שגוזל להקב"ה וכנסת ישראל, כמבואר בברכות דף ל"ה ריש ע"ב ופירש"י שגוזל להקב"ה את ברכתו ולכנסת ישראל שבחטאו הפירות לוקין, עוד איתא שם בגמרא שכל הנהנה מן העולם הזה בלא ברכה חבר הוא לאיש משחית, ופירש בגמרא שחבר הוא לאיש משחית לירבעם בן נבט שהשחית את ישראל לאביהם שבשמים, ופרש"י ולפי שהוא מקיל

---

דער ש"ך אין חושן משפט סימן שפ"ב שרייבט, אז דאס וואס די גמרא זאגט אז א ברכה איז ווערט צעהן גילדין, איז נור ווען ער מאכט די ברכה פאר מענטשין כדי זאלין ענטפערין אמן, אבער ניט אז ער מאכט שטיל פאר זיך אליין די ברכה דאמאלס איז די ברכה ניט ווערט קיין צעהן גילדין, עכ"ל המחצית השקל הנ"ל:

(מד) **לויט** ווי דער עשרה מאמרות שרייבט אז מ'זאל מהדר זיין אז צוויי מענטשין זאלין הערין זיין ברכה, טייטשט דער הייליגער ספר דרש משה אויף'ן פסוק (תהלים ל"א כ"ד) אהבו את ה' כל חסידיו אמונים נוצר ה', שרייבט ער אז דער פשט איז לויט די גמרא זאגט אין (בבא קמא ל' ע"א) האי מאן דבעי למיהוי חסידא יקיים מילי דברכות, אז איינער וויל זיין א חסיד זאל ער מקיים זיין די דינים פון ברכות, איז דאך א קשיא דא ווייזט אויס אז ער איז ניט מקיים מילי דברכות דאס הייסט ער מאכט ניט קיין ברכה איז ער נור ניט קיין חסיד אבער א מיטלער יוד איז ער יא. אמער ער הייסט דאך א רשע אז ער מאכט ניט קיין ברכה, ווי די גמרא זאגט אין (ברכות ל"ה ע"ב) כל הנהנה בעולם הזה בלא ברכה הוא גוזל להקב"ה וכנסת ישראל, זאגט רש"י ער גזל'ט דעם אויבערשטין די ברכה, און כנסת ישראל גזל'ט ער, ווייל אין זיין זינד וואס ער מאכט ניט קיין ברכה איז ער גורם די פרות זאלין ניט גוט וואקסין גזל'ט ער דאך די יודען די פרות, נאך שטייט דארט אין גמרא ברכות כל הנהנה מן העולם הזה בלא ברכה חבר הוא לאיש משחית, כו', ווער ס'איז נהנה פון דער וועלט אהן א ברכה איז א חבר פון ירבעם בן נבט וואס האט גיזינדיגט און גימאכט זינדיגען די יודען, זאגט רש"י

ווייל

רואים אחרים ולמדין ממנו לעשות כן ליהנות מן העולם בלא ברכה, ולכך נקרא המקיל חבר לאיש משחית לירבעם בן נבט שחטא והחטיא את ישראל, כך הוא חוטא ומחטיא את הרבים, ולמה אמר, למיהוי חסידא, אם אינו מקיים מילי דברכות הלא רשע הוא, אך י"ל כמו"ש בזוהר הק' פ' ויצא, בגין דיסתלק שבחא דקודשא ב"ה ברזא דתלת, חד דמברך ותרין דאודין אמן ובעשרה מאמרות הנ"ל, שהברכה כדקא יאות הוא דוקא אם מברכה בפני שני אנשים שיאמרו אמן, שנאמר כי שם ה' אקרא הבו גודל לאלהינו, והבו הוא לשון רבים, שצריך להדר ששנים יענו אמן על ברכותיו, וזהו הברכה כדקא יאות, וזה שרמז הכתוב אהבו את ה' כל חסידיו, וא"ת הלא על הברכה הוא מחויב ועומד ומה חסידות הוא זה, וכי בשביל זה נקרא חסידות, על זה אמר הכתוב אמונים נוצר ה', כלומר החסידות שלו היא מה שמהדר שיענו ב' אנשים אמן אחר ברכותיו, זה נוצר ה' על המברך ג"כ ששומר גם את המברך ומקבל שכרו משלם על האמנים שעונים השומעים ברכתו לבד שכר הברכה שלו עכ"ל הקדוש:

---

וַוייל עֶהר אִיז מֵקִיל אִין בְּרָכוֹת אוּן אַנְדֶערִי לֶערְנִין זִיךְ פוּן אִיהְם נְהָגָה צוּ זַיין פוּן דֶער וֶועלְט אָהְן אַבְּרָכָה, דְרִיבֶּר הֵייסְט עֶהר חָבֵר כו', אַזוֹי אִיז עֶהר אַחוֹטֵא אוּן מַאכְט זִינְדִיגֶין אַנְדֶערִי, פַאר וָואס זָאגְט עֶר חֲסִידָא, אַז עֶהר אִיז נִיט מְקַיֵים דִי דִינִים פוּן בְּרָכוֹת אִיז עֶהר דָאךְ אַרָשָׁע? זָאגְט דֶער הֵיילִיגֶער ספר דרש משה אַזוֹי, לוֹיט וִוי סְ'שְׁטֵייט אִין זוהַר הק' אוּן דֶער עֲשָׂרָה מַאֲמָרוֹת, אַז אַרִיכְטִיגֶע בְּרָכָה אִיז נוּר אַז צְוֵויי מֶענְטְשִׁין הֶערִין אוּן זָאגִין נָאךְ אָמֵן נָאךְ זַיין בְּרָכָה דְהַיְינוּ וֶוען עֶר מַאכְט דִי בְּרָכָה הוֹיךְ פַאר צְוֵויי מֶענְטְשִׁין אוּן זֵיי זָאגִין נָאךְ אָמֵן אַזוֹי וִוי סְ'שְׁטֵייט אִין פָּסוּק כִּי שֵׁם ה' אֶקְרָא, אַז אִיךְ טְהוּ רוּפֶען דֶעם אוֹיבֶּערְשְׁטִינְס נָאמִין, דְהַיְינוּ וֶוען אִיךְ מַאךְ אַבְּרָכָה הָבוּ גוֹדֶל לֵאלֹהֵינוּ זָאלְט אִיהְר גְרוֹיסֶן דֶעם אוֹיבֶּער־שְׁטִינְס נָאמֶען, דְהַיְינוּ אִיהְר זָאלְט זָאגִין אָמֵן, הבו אִיז דֶער טַייטְשׁ אִיהְר זָאלְט גֶעבִּין אַלָשׁוֹן רַבִּים אִיז דָאךְ צְוֵויי, גוֹדֶל אַגְרוֹיסְקֵייט לֵאלֹהֵינוּ צוּ אוּנְזֶער גָא"ט, דָאס הֵייסְט אַז צְוֵויי מֶענְטְשִׁין זָאלִין עֶנְטְפֶערִין אָמֵן, טֵייטְשְׁט עֶר דֶעם פָּסוּק אֶהֱבוּ אֶת ה' כָּל חֲסִידָיו, דְהַיְינוּ דִי וָואס זֶענִין מְקַיֵים מִילֵי דִבְרָכוֹת כנ"ל, אָבֶּער וֶוען אִיז עֶר אַחָסִיד אַז עֶר גִיט אַכְטוּנְג אַז סְ'זָאל זַיין צְוֵויי אָמֵן'ס פוּן צְוֵויי מֶנְטְשִׁין וָואס הֶערִין זַיין בְּרָכָה דַמָאלְט אֱמוּנִים נוֹצֵר ה' הִיט השי"ת דֶעם מֶענְטְשׁ וָואס מַאכְט הוֹיךְ אַבְּרָכָה אוּן אִיז גוֹרֵם אַז צְוֵויי מֶענְטְשִׁין זָאלִין עֶנְטְפֶערִין אָמֵן אוּן גִיט עֶהם אוֹיךְ פִיל שְׂכַר פַאר דִי אָמֵן'ס וָואס צְוֵויי יוֹדִין עֶנְטְפֶערִין אוֹיף זַיין בְּרָכָה, חוּץ וָואס עֶהר גִיט אִיהְם שְׂכַר פַאר זַיין בְּרָכָה;

(מה) **אגב** נביא מה שכת' בספר הגן הנ"ל וז"ל, ועתה אכתוב כוונת קוף של צדיק המרמזת על מאה ברכות, דאיתא בגמרא ברכות ל"ג ע"א על פסו' מה ה' אלהיך שואל וכו' אל תקרי מה אלא מאה שחייב אדם לברך בכל יום מאה ברכות, וכשמברך על איזה פרי או שום ברכה מחויב לברך בקול רם כמ"ש בספר חסידים סי' רנ"ד ובבאר היטב סימן תרמ"ג בשם השל"ה הקדו' כדי שחבירו יענה אמן, ואם יעשה כך אם ח"ו נגזר עליו קללה אזי מהפך הקללה לברכה, דאיתא בכתבי האר"י ז"ל ראה אנכי נותן לפניכם היום ברכה וקללה והקשה הא אין קללה למעלה, ופי' כך שאם תהפוך אותיות קללה ותעשה הלל ק' דהיינו כמו שהוא בהיפוך אתוון דהלל ק' שיברך ק' ברכות אז תהי' הקללה גם כן ברכה, וזהו פירו' הפסו' ויהפוך ה' לך את הקללה לברכה, היינו על ידי שתהלל להשי"ת בק' ברכות הלל ק' ויהפוך ה' אלהיך לך את הקללה לברכה, וזהו כוונת הפסוק בתהלים ויאהב קללה ותבואהו, דקשה מי פתי ושוטה לאהוב קללה, ועל זה אמר ולא חפץ בברכה, היינו לברך ק' ברכות בכל יום,

---

(מה) **אגב** וועלין מיר ברענגען וואס דער ספר הגן שרייבט דארט וז"ל, יעצט וועלין מיר שרייבין דעם רמז פון דעם קוף פון צדיק דאס בעטייט אויף די הונדערט ברכות וואס א מענטש איז מחויב צו מאכין אלע טאג, און אז ער מאכט א ברכה אויף א פרי אדער אן אנדערי ברכה איז ער מחויב מאכין די ברכה הויך אזוי ווי ס'שטייט אין ספר חסידים סי' רנ"ד אויך אין באה"ט סי' תרמ"ג פארן של"ה'ס וועגן כדי דער חבר זאל הערין און זאל ענטפערין אמן, אויב ער וועט אזוי טוהן, אויב ס'איז ח"ו נגזר געווארין אויף איהם א קללה איז דער אויבערשטער יתברך ויתעלה מהפך די קללה צו א ברכה אזוי ווי ס'שטייט אין כתבי האר"י הק' ז"ל ראה אנכי נותן לפניכם היום ברכה וקללה, פרעגט דער האר"י הקדוש אויבען אין הימעל איז דאך נישטא קיין קללה, ענטפערט ער אזוי, אויב די וועסט פערקעהרין די אותיות קללה אויף הלל ק', אזוי ווי די אותיות קללה מאכין צריק הלל ק', כלומר, הלל איז טייטש לויבין ק' הונדערט, דאס הייסט אז וועסט לויבין השי"ת מיט הונדערט ברכות וועט ווערין פון קללה א ברכה, און דאס איז דער פשט פון ויהפוך ה' לך את הקללה לברכה, אז דו וועסט לויבען השי"ת מיט הונדערט ברכות (הלל ק') וועלין איבער געקעהרט ווערין די קללות צו ברכות, און דאס איז די כוונה פון פסוק ויאהב קללה ותבואהו, איז דאך די קשיא וועלכער מענטש האט דאס ליב א קללה, אויף דעם זאגט ווייטער דער פסוק ולא חפץ בברכה, ער וויל נישט מאכען

די

עד כאן לשונו:

(מו) **ובס'** הנן הנ"ל יום כ"ט כתב שם וז"ל באתי להזהיר ולהזכיר גודל השכר של עניית אמן יותר מהמברך שבזה הוא מוסיף כח וגבורה בפמליא של מעלה, ואין לך גדול לפני הקב"ה כעניית אמן כמבוא' במד"ר ריש פ' תבא והובא בזוה"ק פ' וילך שכמה טובות משתכחין בכל העולמות ע"י המשכת אורות ושפע בעניית אמן, וגורמים ע"ז למלטם מכל צרה בעלמא הדין ובעלמא דאתי, וקול הכרוז יוצא בכל העולמות פתחו שערים ויבא גוי צדיק שומר אמונים, וצריך להזהיר להמון עם שלא יאמרו תהלים או מעמדות ושאר תחנונים בשעת חזרת הש"ץ התפלה כי בוודאי אי אפשר לכוון כראוי ועונים אמן קטופה, חטופה, יתומה, ואין זה מבורך אלא מנאץ עכ"ל:

(מז) **וכל** ברכה אמרו רז"ל בחולין דף פ"ז ע"א דשוה עשרה זהובים וע"ז כתבו בעלי התוס' בפ' נשא פרשה ז' אות י"ד וז"ל כף אחת עשרה זהב דהכי מרמז השי"ת בהפסוק דכף בגימטריא מאה, וה"פ דקרא כף אחת, אחת מכף דהיינו אחת ממאה ברכות שחייב אדם לברך בכל יום

---

די הונדערט ברכות אלע טאג ווי ס'איז מרומז אין הלל ק':

(מו) **נאך** שרייבט ער אין יום כ"ט, איך בין געקומען מזהיר זיין און דור־מאנין דעם גרויסען שכר פון ענפערין אמן, ס'איז נישטא קיין גרעסערי זאך פאר השי"ת ווי דאס וואס מ'ענפערט אמן אזוי ווי ס'שטייט אין מדרש רבה אין אנהויב פרשת תבא, און אויך אין זוהר פ' וילך שטייט אז פיהל גוטס ווערט אין אלע וועלטין מען ציהט אראפ גרויס שפע ברכה דורך דעם ענטפערין אמן ס'איז גורם צו בעשירמען פון אללע צרות ר"ל און מען ברויך ווארינן דעם המון אז בשעת דער חזן זאגט די הויכע שמונה עשרה זאלין זיי דערנסמאהל ניט זאגין קיין תהלים און שום תחנות נור אוים צו הערין דעם חזן און נאך זאגין אמן אזוי ווי ס גיהערט צו זיין, דען אז מען ענפערט א אמן חטופה א גיכאפטען אמן, אבער א אמן קטופה, אבער א אמן יתומה, אבער א קצרה און כדומה הייסט מען דער מיט א מבזה ח"ו השי"ת און מען דער צערינט עהם ח"ו:

(מז) **און** יעדער ברכה זאגין די חכמים אין חולין איז ווערט צעהן גילדין און דאס איז מרמז דיא בעלי התוס' אין פר' נשא פרשה ז' פסוק י"ד אויף דעם פסוק כף אחת עשרה זהב, אזוי ווי כ"ף באטרעפט הונדערט, איז השי"ת מרמז אין דעם פסוק כף אחת איינס פון כף וואס באטרעפט הונדערט דהיינו איינס פון די הונדערט ברכות עשרה זהב איז

ווערט

כמגין כף, עשרה זהב, שוה עשרה זהובים עכ"ל:

**עוד** כתב בספר חנן ביום י"א בד"ה ועתה אכתוב היוד סוד של עשרה קדישים וכתב שם באמצא המאמר שהעניית איש"ר בכח הוא תיקון גדול להעון המר מוציא זרע לבטלה ר"ל עכ"ל:

(מח) **והובא** בס' יש שכר [ידוע שהמחבר הוא מנורי האר"י ז"ל והעטרי זקנים בסי' א' מביאו] בדיני קדיש סי' ו' וז"ל, לענות אמן יהא שמי'רבא מברך דוקא בכח ובקול רם, ומביא לשון הזוה"ק פר' נח דף ס"ב ע"ב וז"ל, בזימנא דישראל אתיבו אמן יהש"ר מברך בכל כחם ובקול רם קוב"ה איתמלי רחמין וחיים על כולא כו', לכן יהי' אדם נזהר לכוין לענות אמן יהשר"מ בכל כחו ובקול רם, עכ"ל:

(מט) **מדרש** כונן, וכן הובא בעבוד' הקדש לאזולאי בחלק צפורן שמיר סימן ב' אות כ"ז אמרו חכמים כל המבטל קדוש וברוך ואמן יהא שמי' רבא גורם למעט העטרה וחייב נידוי עד שישוב ויביא קרב לפני הצדיקים לעתיד לבא, דהיינו שהם השבעה רועים ושמנה נסיכי אדם הנזכרים במיכה ה' ד'. שהם יפסקו עליו להביא קרבן לפני הקב"ה:

---

ווערט צעהן גילדין עכ"ל:

**נאך** שרייבט דער הייליגער ספר הגן יום י"א דיבור המתחיל ועתה אכתוב היוד כו' שרייבט ער דארט אז נאך זאגין אמן יהא שמי' רבא ערינצט מיט כוונה איז אגרויסער תיקון אויף דעם הארבען זינד פון מוציא זרע לבטלה ר"ל:

(מח) ס'ווערט געבראכט אין ספר יש שכר אין דינים פון קדיש סימן ו' מיט דעם לשון, צו ענטפערין אמן יהא שמיה רבא מברך מיט אהויך קול, ער ברענגט דאס לשון פון הייליגען זוהר פ' נח דף ס"ב ע"ב וז"ל, אין דער צייט ווען יודין ענטפערין אמן יהא שמיה רבא מברך מיט'ן גאנצין כח און מיט אהויך קול ווערט הקב"ה פול מיט רחמנות און איז זיך מרחם אויף אלעמין כו', דריבער ברויך דער מענטש זיין גיהיט מכוין זיין צו ענטפערין אמן יהא שמיה רבא מברך מיט'ן גאנצען כח און מיט אהויך קול:

(מט) דער מדרש כונן שרייבט, די חכמים זאגין דער מענטש וואס זאגט ניט קיין קדושה, אדער ברוך כבוד ה"מ, אדער אמן יהשר"מ איז גורם צו פערקלענערין די קרוין, און מען דארף עהם מנדה זיי ביז ער וועט תשובה טהון און וועט ברענגין אקרבן פיר די צדיקים לעתיד לבא, היינו ווי ס'שטייט אין (מיכה ה' ד') וואס זיי וועלין פסקינ'ן ער זאל ברענגין אקרבן פאר גאט:

נאך

(נ) **עוד** שם במדרש כונן הקב"ה ברא אופן אחד בארץ וראשו כנגד חיות הקודש והוא מתורגמן בין ישרא' לאביהם שבשמים [יחזקאל א' ט"ו] והנה אופן אחד בארץ אצל החיות, וסנדלפון שמו וקושר כתרים לבעל הכבו' מקדושות וברוך כבוד ה' ממקומו ואמן יהא שמי' רבא שעונים בני ישרא' בבתי כנסיות ובבתי מדרשות:

(נא) **תנא** דבי אליהו רבא פרק י' ותשר דבורה מה נתנבאה דבורה לישראל, אלא כך אמרה דבורה לישראל במי הקב"ה נפרע להן לישראל מן העכו"ם בבני אדם שמשכימין ומעריבין לבית הכנס' ולבית המדרש ועונים אמן ומברכים את הקב"ה בכל יום תמיד:

(נב) **ושם** בש"ע הבאה"ט עם הפירוש פתחי עולם כתב שם הפתחי עולם סעי"ק ט' בשם ספר חסידים סי' ג' שבכל פעם שאנו מזכירים את השי"ת מחויבים אנו לברכו ולומר יתבר' שמו מטעם זכר צדיק לברכה מכל שכן צדיקו של עולם יעו"ש:

(נג) **עוד** שם סעיף ה' כתב המחבר וז"ל על כל ברכה שאדם שומע אומר

---

(נ) **נאך** שרייבט דער מדרש כונן, השי"ת האט באשאפין א מלאך וואס זיין קאפ איז קעגין די חיות הקודש וואס עהר איז א בעשיידער צווישען יודען און השי"ת, זיין נאמין איז סנדלפון עהר קניפט קרוינין צו השי"ת וואס עהר איז דער בעל הכבוד פון די קדושות און ברוך כבוד ה' ממקומו, אמן יהא שמיה רבא וואס יודין ענפערין אין די שוהלין און בתי מדרשים:

(נא) **דער** תנא דבי אלי' רבא פ"י שרייבט ותשר דבורה דבורה האט געזונגען און האט נביאות געזאגט, וואס איז געוועזין איהר נביאות? זי האט געזאגט: דורך וועמין וועט השי"ת שטראפין די עכו"ם, דורך די יודין וואס גייען אין שוהל אין דער פרי און ביי נאכט, און ענטפערין אמן, און לויבין שטענדיג דעם אויבערשטינס נאמין:

(נב) **אין** שלחן ערוך באר היטב ופתחי תשובה, שרייבט דארט דער פתחי עולם סעי"ק ט' פאר'ן ספר חסידים סימן ג', דאס יעדם מאהל אז מיר דערמאנין השי"ת זענין מיר מחויב צו בענטשין איהם און זאגין יתברך שמו. ווייל ס'שטייט זכר צדיק לברכה אז מ'דערמאנט דעם צדיק ברויך מען איהם צו בענטשין, מכל שכן השי"ת וואס עהר איז דער צדיק פון דער וועלט. עי"ש:

(נג) **נאך** שרייבט דארט דער מחבר סעיף ה' מיט דעם לשון, אויף יעדער ברכה וואס א מענטש הערט ברויך עהר זאגין ברוך הוא

ובריך

ברוך הוא וברוך שמו, ורמז לזה כתב המשנה ברורה סעיף קטן כ"ב ממה שאמר הכתו' כי שם ה' אקרא הבו גודל לאלהינו, ועוד אם כשמזכירי' את הצדיק בשר ודם צריכים לברכו שנאמר זכר צדיק לברכה צדיקו של עולם על כמה וכמה, והברכות שחתימתן קצרה בב' תיבות, כמו פוקח עורים, מלביש ערומים בברכת השחר וכה"ג בשמו"ע בכל הברכות מהגכון לש"ץ ליזהר שלא למהר כ"כ לחתום הברכה תיכף אלא לשהות מעט כדי שכל העונים ישמעו איזה ברכה החזן מסיים אחר כך, וגם יהיו יכולים לענות האמן תיכף, דאל"ה לפעמים ע"י הקול של עניית ב"ה וב"ש הרבה מהעונים אינם יודעים איזה ברכה הש"ץ מסיים וגם עניתם הוא איננו תיכף אחר שכלה הברכה ויש בו חשש אמן יתומה עכ"ל המ"ב:

(נד) **וכתב** שם המג"א סעיף קטן ט' וז"ל ופשוט דאם עסוק במקום שאין רשאי להפסיק אסור לאמרו, עכ"ל המגן אברהם, וכתב שם הפרי מגדים דמשמע אפי' בין הפרקים או פסוקי דזמרה עכ"ל:

(נה) **ולפי** זה נראה דגם לאותם המניחי' תפילין בחול המועד ואין מברכים

---

וברוך שמו, ארמז צו דעם שרייבט דער משנה ברורה סעי"ק כ"ב וואס ס'שטייט אין פסוק כי שם ה' אקרא הבו גודל לאלהינו, אז איך רוף גאט'ס נאמען זאלט איהר געבען א גרויסקייט צו אונזער גאט, נאך, אז מ'דערמאנט א צדיק א בשר ודם ברויך מען איהם בענטשין, ווי אין פסוק שטייט זכר צדיק לברכה, בפרט השי"ת וואס ער איז דער צדיק פון דער וועלט על אחת כמה וכמה. און די ברכות וואס זייער אויס לאז איז קורץ היינו מיט צוויי ווערטער, למשל, פוקח עורים, מלביש ערומים, ביי ברכות השחר וכהגה ביי שמונה עשרה אלע ברכות איז גלייכער אז דער חזן זאל ניט איילען גיך אויס צו לאזין די ברכה תיכף, נור ער זאל ווארטין א ביסל כדי די וואס ענטפערין זאלין הערין וואס א ברכה דער חזן לאזט אויס, און זאלין קאנין גלייך זאגען אמן, אז ער וועט ניט ווארטין קען זיין אז דורך דעם קול פון ב"ה וב"ש ווייסין פיהל ניט וואס פאר א ברכה דער חזן לאזט אויס, אויך דאס זאגין אמן איז ניט תיכף ווי ער לאזט אויס די ברכה איז דא א חשש פון אמן יתומה, עכ"ל המ"ב:

(נד) **שרייבט** דארט דער מגן אברהם סעי"ק ט' וז"ל, ס'איז פשוט באם ער האלט אין מיט'ן אויף אזוי א ארט וואס מען טאר ניט מפסיק זיין טאר ער ניט זאגין קיין ב"ה וב"ש, שרייבט דארט דער פרי מגדים ס'ווייזט אוים אפילו בין הפרקים אדער פסוקי דזמרה טאר מען אויך ניט, עכ"ל:

(נה) **נאך** דעם קומט אויס אז אויך די וואס לייגען תפילין חול המועד

ארון

עלידם או בתפילין הד"ת דאסור להפסיק בין תפילין של יד לתפילין של ראש כמו שכתב המג"א סימן כ"ה סעיף קטן י"ד דאפילו לאותן המניחין תפילין בחוה"מ בלא ברכה עבירה הוא להשיח, וכתב הפמ"ג וז"ל ובחוה"ח דאין מברך מותר לענות איש"ר אבל שיחה בטילה עבירה הוא וחוזר נמי מעורכי המלחמה ע"כ, א"כ פשיטא דאין אומרים אז ברוך הוא וב"ש:

(נו) גם בבאה"ט שם סע"ק י"א ובשע"ת שם מבואר להדיא דגם בתפילין דר"ת רשאי דוקא לענות קדיש וקדושה וכמש"כ במחצה"ש שם על מה דהמג"א מציין ב"י מהרא"י וז"ל ואייתי ראי' מדברי הרא"ש דאפי' מלבד האיסור דגורם ברכה, איכא עבירה להשיח ביניהם, וכת' בס' לחם חמודות בהל' תפילין סעיף ט"ו הטעם בשם הר"ן וז"ל דהיי"ט משום דאע"ג דשתי מצות הן כיון דכתיב בתפילין של יד ושל ראש והי' לך לאות על ידך ולזכרון בין עיניך, צריך זכירה שיהי' תיכף של ראש לשל יד כדי שתהי' הוי' אחת לשתיהן, עכ"ל המחצה"ש:

(נז) ואם כן לפי טעם זה בודאי אין חילוק בין תפילין בחול המועד בלא ברכ' ובן תפילין דר"ת בלי ברכה מטעם שתהי' הוי' אח' לשתיהן

---

אהן אברכה, אדר ביי רבינו תם"ס תפילין טאר מען דאך נישט מפסיק זיין צווישען של יד און של ראש, אזוי ווי דער מגן אברהם שרייבט סי' כ"ה סע"ק י"ד ס'איז אעבירה צו ריידין, און דער פרי מגדים שרייבט דארט אז די וואס לייגין תפילין אום חול המועד מאכט מ'דאך ניט קיין ברכה מעג מען ענטפערין אמן ישר"מ, אבער דברים בטלים טאהר מען ניט ריידין ס'איז אעבירה עד כאן, איז אפשיטא אז מען טאהר ניט זאגין קיין ברוך הוא וברוך שמו:

(נו) אויך דארט אין באר היטב סע"ק י"א אויך שערי תשובה איז מבואר בפירוש אז אויך ביי רבינו תם"ס תפילין מעג מען דוקא נור ענטפערין אמן'ס פון קדיש וקדושה, און ווי ס'שטייט אין מחצית השקל דארט אויף דעם וואס דער מג"א בעצייכינט דעם מהרא"י וז"ל אראיה איז דא פונ'ם רא"ש'ס רייד אז אחוץ דעם איסור וואס מ'איז גורם אברכה וואס מען ברויך ניט איז אויך דא אעבירה צו ריידין צווישן של יד און של ראש, שרייבט דער ספר לחם חמודות הלכות תפילין סעיף ט"ו, דעם טעם פאר'ן ר"ן, האטשי זיי זענין צוויי מצות, ווייל ס'שטייט ביי זיי והיה לך לאות על ידך ולזכרון בין עיניך, ברויך מען גידענקין ס'זאל זיין של ראש תיכף נאך'ן של יד, כדי ס'זאל זיין איין הויה צו ביידע, עכ"ל המחצית השקל:

(נז) נאך דעם טעם איז בודאי קיין חילוק צווישן תפילין חול המועד אהן

וגם בלבוש סי' כ"ה סע"ט מבואר להדיא דאין הטעם איסור הפסקה ביניהן משום דגורם ברכה שא"צ כמש"כ המג"א אלא מטעם הר"ן הנ"ל שצריך שתהי' הוי' אחת לשתיהם, והא"ר סע"ק י"ד שם כתב וז"ל, ונראה דאף המניח תפילין בחוה"מ בלא ברכה אסור לענות ביניהם אמן יהא שמי' רבא מטעם דעביר' הוא בידו ודלא כמג"א שמקיל בזה עכ"ל הא"ר, מכל מקום אף דלמעשה יש לסמוך על גדולי האחרנים הפמ"ג ס"ק י"ד ותשוב' דו"בי נועם סי' י' ודרה"ח, וארצות החיים, לענות קדיש וקדושה ביניהן דלא כא"ר אבל ב"ה וב"ש בודאי אסור לענות:

(נח) **ואגב** דאתי לידן בדין איסור הפסקה בין תפילין של יד לשל ראש נימא בי' מילתא, דלפי"ז אם אח' חלץ התפילין באמצע התפלה להטיל מים, אם הוא אחר שמונה עשרה ואחר כך מניחן לגמור התפלה בתפילין דאסור לומר אשר יצר בין של יד לשל ראש משום דצריך להיות הוי' אחת לשתיהן כנ"ל, כיון דלדברי הא"ר אפי' אמן יש"ר אסור לענות ביניהן, וא"כ הגם דאנהגו לא פסקינן כוותי' בזה מ"מ בברכת אשר יצר

---

אַ בְּרָכָה און רַבֵּינוּ תַּם'ס תְּפִילִין אויך אָהן אַ בְּרָכָה, ווייל ס'דַארְף זיין והיה איין הֲוָי' צו בֵּיידֶע, אין לְבוּשׁ סימן כ"ה סעיף ט' שְׁטֵייט אַרוֹיס בְּפֵירוּשׁ אַז דֶער איסור הַהַפְסָקָה צְווישֶׁן זֵיי איז נִיט מִטַּעַם ווייל עֶר איז גּוֹרֵם אַ בְּרָכָה וואס מ'בְּרוּךְ נִיט, ווִי דֶער מגן אברהם, נור ווייל ס'שְׁטֵייט והיה כנ"ל ווִי דֶער ר"ן. און דֶער אלי' רבא סע"ק י"ד שְׁרַייבְּט מִיט דֶעם לָשׁוֹן, ס'ווַייזְט אוֹיס אֲפִילוּ דֶער וואס לֵייגְט תְּפִילִין חוֹל הַמּוֹעֵד אָהְן אַ בְּרָכָה טָאהר אויך נִיט עֶנְטְפֶערְן אָמֵן יש"ר ווייל ס'איז אַ עֲבֵירָה כו' און נִיט ווִי דֶער מג"א וואס איז מֵקִיל אין דֶעם עכ"ל הא"ר, הָאטְשׁ לְהַלָכָה קָאן מֶען זִיךְ סוֹמֵךְ זַיין אויף דִי גְרֶעסְטֶע אַחֲרוֹנִים דֶער פרי מגדים סעיף קטן י"ד, תשובת דרכי נועם חלק אורח סימן י', דה"ח, ארצות החיים, וואס זֶענֶען מַתִּיר צוּ עֶנְטְפֶערְן אָמֵן פון קַדִּישׁ און קְדוּשָׁה אום חול המועד אָדֶער רַבֵּינוּ תַּם'ס תְּפִילִין צְווִישֶׁן שֶׁל יַד און שֶׁל ראש, און נִיט ווִי דֶער א"ר, אָבֶער בָּרוּךְ הוּא וּבָרוּךְ שְׁמוֹ איז אַוַדַאי אַז מ'טָאר נִיט עֶנְטְפֶערְן:

(נח) **אַגַב** מִיר רֵיידְן פון דִין אִיסוּר הַהַפְסָקָה צְווִישֶׁן שֶׁל יַד און שֶׁל ראש ווֶעלְן מִיר זָאגְן לוֹיט ווִי אוֹיבְּן שְׁטֵייט קוּמְט אוֹיס אַז אֵיינֶער טְהוּט אוֹיס דִי תְּפִילִין צוּ גֶעהְן מַשְׁתִּין זַיין, אויב נָאךְ שְׁמוֹנֶה עֶשְׂרֵה און נָאכְהֶער טְהוּט עֶר זֵיי צוּרִיק אָהְן צוּ עֶנְדִיגֶען דָאס דַאוְונֶען טָאהר מֶען נִיט זָאגְן אֲשֶׁר יָצַר צְווִישֶׁן שֶׁל יַד און שֶׁל ראש מִטַּעַם ווייל מ'דַארְף עֶס זָאל זַיין איין הֲוָי' כו', ווייל לוֹיט דֶער אלי' רבא שְׁרַייבְּט טָאהר מֶען נִיט עֶנְטְפֶערְן אֲפִילוּ אָמֵן יהש"ר צְווִישֶׁן שֶׁל יַד און שֶׁל ראש, אַם בֵּן הַגַּם מִיר

פסקנין

בודאי אסור להפסיק דדוקא לענות אמן וקדיש וקדושה אנו מתירין כנ"ל, כיון דאם לא יענה תיכף, יפסיד עניתו, אבל בברכת אשר יצר דיכול לברך אחר הנחתן בודאי אסור לברך ביניהם כנ"ל:

(נט) **ולענין** ברכת אשר יצר אם הטיל מים בין ישתבח ליוצר אור נראה בפשיטות דצריך לברך, ואע"ג דהחיי אדם כלל כ' סי"ג כתב דאין לברך מטעם דאפשר דדמי לטלית ע"ש שנשאר בצ"ע בזה, ולפענ"ד נראה בפשיטות דיברך אשר יצר בין ישתבח ליוצר, כיון דבנשמת אדם שלו פסק דיברך בין ישתבח ליוצר ברכת אשר יצר, וכן פסק בספר גינת וורדים כלל א' סי' נ"ב הובא בפאת השולחן מבעל המחבר קיצור ש"ע בהגהותיו שם בסי' י"ד דיכול לברך אשר יצר אפי' באמצע פסוקי דזמרה ומכ"ש בין ישתבח ליוצר, ומ"ש הח"א דאפשר דדמי לטלית, נראה לפענ"ד דלא דמי כלל לטלית לפי מש"כ הרמ"א בסי' ס"ו דמי ששכח להניח טלית ותפילין דיכול להפסיק בין הפרקים בברכ' על התפילין אבל לא על הטלית וכתב שם הטו"ז סעיף קטן ב' ומג"א סע"ק ד' כיון דהטלית אינו חובת

---

פּסקנ'ן ניט ווי עהר אין דער זאך כנ"ל, פון דעסטוועגין טאהר מען בודאי ניט זאגין אשר יצר, ווייל דוקא אמן, קדיש און קדושה, זענין מיר מתיר ווייל וויבאלד אז עהר וועט ניט באלד ענטפערין, וועט עהר אהן ווערין ווייל די צייט געהט אוועק, אבער אשר יצר קאן עהר דאך זאגען נאכ'ן לייגין די תפילין טאהר מען זיכער ניט זאגין צווישין זיי כנ"ל:

(נט) **און** קייגין אשר יצר, אויב עהר האט משתין געוועזין צווישען ישתבח און יוצר אור, ווייזט אוים אפשיטא אז עהר ברויך זאגין אשר יצר, האטש דער חיי אדם כלל כ' סימן ג' שרייבט אז מ'זאל ניט זאגין מטעם ס'איז אפשר גלייך צו א טלית וואס עהר האט ערשט בעקומען צווישען ישתבח און יוצר אור כו', אבער מיר דאכט אז ס'איז אפשיטא אז מען ברויך זאגין אשר יצר צווישען ישתבח און יוצר אור, ווייל עהר פסק'נט אזוי אין נשמת אדם, אויך דער ספר גנת וורדים כלל א' סי' נ"ב פסק'נט אויך אזוי, און אזוי ברענגט דער פאת השלחן אין די הגהות אין סימן י"ד אז עהר מעג אפילו אין מיט'ן פסוקי דזמרה זאגין אשר יצר מכל שכן צווישין ישתבח און יוצר אור, און וואס דער חיי אדם שרייבט אז ס'איז גלייך צו א טלית, דאכט מיר אז ס'איז גאר ניט גלייך, לויט ווי דער רמ"א שרייבט אין סימן ס"ו, אז איינער האט פערגעסין צו לייגען טלית ותפילין, מעג עהר מפסיק זיין מיט א ברכה איבער די תפילין אבער ניט אויף'ן טלית, שרייבט דארט דער ט"ז סעיף קטן ב' און דער מגן אברהם סע"ק ד', ווייל דער טלית איז ניט קיין חובת גברא דריבער

הייסט

גברא הוי ברכתו הפסקה בין הפרקים אבל גבי תפילין שהם חובת גברא מפסיק בברכתו אפי' בין הפרקים ע"ש וא"כ ה"ה בברכת אשר יצר דג"כ הוא חובת גברא די לנו דאין מברכים אשר יצר בין הפרקים, אבל בין ישתבח ליוצר אור דפסקינן בסי' נ"ד סעי"ג דלצורך מצוה מותר להפסיק אפילו לקבול בב"ה שיעשו לו דין, או לברך חולה, אם כן בודאי פשיטא דמותר לברך אז ברכת אשר יצר, דהוי ג"כ צורך מצוה, ומש"כ דהיי אדם דיכול לברך אחר התפלה, אין זה סברא כלל דהא חזינן בתפילין דג"כ יכול לברך אחר התפלה ועכ"ז פסק הרמ"א הנ"ל דיברך תיכף בין הפרקי' משום דחביבא מצוה בשעתה וא"כ ה"ה בברכת אשר יצר וק"ל:

ועוד נראה דאין סברא להמתין בברכת א"י לאחר התפלה דשמא יצטרך אז שנית להטיל מים ויהי' ספק ברכה דלדעת הש"ע סי"ז סעי"ג יצטרך לברך ב' פעמים ולדעת הטו"ז והמג"א שם אינו מברך רק פעם א':

(ם) אחרי כתבי זאת מצאתי את שאהבה נפשי כבוד ידידי הרב הגאון ר' משולם פינקילשטיין שליט"א בעהמ"ח ספר תוספו' חיים בביאורו

---

הייסט די בְּרָכָה אַ הֶפְסֵק בֵּין הַפְּרָקִים, אָבֶער די תְּפִילִין זֶענֶען אַ חוֹבַת גַבְרָא, מֶעג עֶר מַפְסִיק זַיין מִיט אַ בְּרָכָה מַאכִין אֲפִילוּ בֵּין הַפְּרָקִים, און דֶער זֶעלבֶּער דִין אִיז בַּיי אֲשֶׁר יָצַר ס'אִיז אוֹיךְ אַ חוֹבַת גַבְרָא, עַל כָּל פָּנִים בֵּין הַפְּרָקִים טָאר מֶען נִיט, אָבֶער צְווִישֶׁן יִשְׁתַּבַּח און יוֹצֵר אוֹר פַּסְקִ'נְן מִיר דָאךְ אִין סִימָן נ"ד סְעִיף ג' אַז פַיר אַ מִצְוָה וֶועגִין מֶעג מֶען מַפְסִיק זַיין, אֲפִילוּ אַ חוֹלֶה אַמִי שֶׁבֵּירַךְ מַאכִין, אַ פְּשִׁיטָא אַז מ'מֶעג זָאגִין אֲשֶׁר יָצַר, ס'הֵייסְט אוֹיךְ אַ צוֹרֶךְ מִצְוָה, אוּן וָואס דֶער חיי אדם שְׁרַייבְּט דָאס עֶהר קָאן זָאגִין נָאךְ'ן דַאבִינֶען, אִיז דָאס גָאר קֵיין סְבָרָא נִיט, אַמֶעהְר מִיר זֶעהֶן דָאךְ בַּיי תְּפִילִין קָאן עֶהר דָאךְ אוֹיךְ מַאכִין די בְּרָכָה נָאךְ'ן דַאבִינֶען, פוּן דֶעם-וֶועגִין פַּסְקִ'נְט דֶער רמ"א הנ"ל אַז מ'זָאל תֵּיכֶף מַאכִין די בְּרָכָה אֲפִילוּ בֵּין הַפְּרָקִים וַוייל חֲבִיבָא מִצְוָה בְּשַׁעְתָּהּ, אִיז דָאךְ בַּיי אֲשֶׁר יָצַר אוֹיךְ דָאס זֶעלבֶּע, וק"ל:

נָאךְ קָאן מֶען זָאגִין, אַז ס'אִיז נִיט קֵיין סְבָרָא צוּ וַוארְטִין מִיט אֲשֶׁר יָצַר בִּיז נָאךְ'ן דַאבִינֶען, טָאמֶער וֶועט עֶהר יֶעמָאלְס נָאךְ אַ מָאהל' מַשְׁתִּין זַיין וֶועט עֶס זַיין אַ סָפֵק בְּרָכָה, וָואס דֶער שלחן ערוך פַּסְקִ'נְט דָארְט אִין סִימָן ז' סְעִיף ג' מ'זָאל צְווייי מָאהל זָאגִין אֲשֶׁר יָצַר, און דֶער ט"ז מִיט'ן מגן אברהם פַּסְקִ'נְן דָארְט מ'זָאל נוּר אֵיין מָאהל זָאגִין אֲשֶׁר יָצַר, ע"כ אִיז גְלַייכֶער צוּ זָאגִין אֲשֶׁר יָצַר צְווִישֶׁן יִשְׁתַּבַּח און יוֹצֵר אוֹר:

(ם) נָאךְ דֶעם ווי הָאבּ גִישְׁרִיבֶּען כנ"ל, הָאבּ גֶעפוּנִין אַז דֶער רַב הַגָּאוֹן רַבִּי מְשׁוּלָם פִּינְקִילְשְׁטֵיין שליט"א בעל המחבר ספר ותוספות

על החיי אדם כלל י״ג סי׳ ט׳ שכתב ג״כ להדיא כמה שכתבתי שאין עונים ב״ה וב״ש אפי׳ בתפילין דר״ת בין של יד לשל ראש, וכווננו ב״ה שנינו לדעה אחת, וכן מצאתי בספר הנדפס מחדש קצות השלחן סימן ח׳ סעיף כ״ב, וכן הלכה:

(סא) **כתוב** בספ׳ מוסר בעניית אמן על כל ברכה יכוין שהמלאכי׳ שומעין הברכה או הקדיש ועונים אמן כי אמן בגימ׳ מלאך, ואם אינו עונה אמן בכוונה מקדימין הקליפות לנשמתו ומוליכים אותה לחדרי חושך, ויזהר כל אדם אף בביתו שיאמר הברכות בקול רם, והשומעים יענו ב״ה וב״ש, וידקדקו בעניית אמן:

(סב) **ומי** שמדקדק בעניית אמן, זוכה ועונה אמן לעולם הבא, ובשני אמנים יזהר ביותר לענותם, אחד אחר המחזיר שכינתו לציון, ואחד אחר ופרוס עלינו בליל שבת ויו״ט:

(סג) **עוד** כתב שם שגדולה צדקה שקודם התפלה שע״י נתינת הפרוטה לצדקה קודם התפלה פודה התפלה מכל מקטרג, כי מקטרג עולה במספר קטן צדקה, שנא׳ (תהלים י״ז) אני בצדק אחזה פניך, ויאמר הפסו׳

---

חיים אויף׳ן חיי אדם כלל י״ג, שרייבט מפורש ווי מיר האבין געשריבין אז מ׳זאל ניט ענפערין ברוך הוא וברוך שמו צווישן של יד און של ראש אפילו ביי רבינו תם׳ס תפילין, ב״ה מיר האבין ביידע צו געטראפען צו איין דעה, און אזוי איז די הלכה:

(סא) **ס׳שטייט** אין ספר מוסר ביי אמן וואס מ׳ענטפערט אויף יעדער ברכה ברויך מען מכוין זיין אז די מלאכים הערין די ברכה און ענפערין אמן וואס באטרעפט מלאך, און וויבאלד מ׳ענ־פערט ניט קיין אמן מיט כוונה קומען די קליפות נאך׳ן שטארבין און נע־מין זיין נשמה און פיהרען זי אין חדרי חשך, ברויך מען געווארינט זיין אפילו אין שטוב צו זאגין אלע ברכות הויך, און די וואס הערין זאלען ענפערין ברוך הוא וברוך שמו:

(סב) **און** ווער ס׳איז מדקדק צו ענפערין אמן, איז זוכה צו ענפערין אמן לעולם הבא, און ביי צוויי אמן׳ס ברויך מען מעהר נזהר צו זיין, איינער, נאך המחזיר שכינתו לציון, און דער צווייטער, פרייטאג צו נאכט׳ס און יום טוב נאך ופרוס עלינו:

(סג) **נאך** שרייבט ער דארט אז די צדקה וואס מ׳גיט פאר דעם דאווי־נען איז זעהר גרויס, אז דורך דער פרוטה צדקה וואס מ׳גיט לייזט מען אויס די תפלה פון אלע מקטריגים, ווארין מקטרג באטרעפט במספר קטן צדקה, ווי ס׳שטייט אני בצדק אחזה פניך, ד. ה. אז מיט

צדקה

קודם נתינתו הצדקה לעני:

(סד) ולענין אם לענות אמן על ברכת להניח שבירך חבירו בין תפילין של יד לתפילין של ראש שלו, יש מחלוקת בין האחרונים והעיקר דעונין אמן על ברכת חבירו בין תפילין של יד לתפילין של ראש שלו, שכן הסכימו רוב האחרונים הפנים מאירות ח"א סימן נ"ט והובא בשערי תשובה סי' כ"ה סעי"ק ח' והסכים עמו מטעמא דמסתבר יעו"ש, וכן נמי בתשובות אגודת איזוב המדברי סימן ח' פוסק דעונין, וכתב שם שהציע טעמו לפני גדולי תורה והסכימו עמו דעונין, וגם בקיצור שלחן ערוך סעיף ח' פסק דעונין מטעמא המסתבר, וא"כ אף דבהגה' ר' עקיבא איגער הסכים לתשובת דבר שמואל סי' קמ"ב שאין לענות אמן בין תפילין של יד לשל ראש אפי' על ברכת לחניח תפילין שבירך חבירו, מכל מקום יש לומר כיון דרבו המתירין לענות אמן על ברכת לחניח תפילין של חבירו בין של יד לשל ראש שלו, בודאי יש לפסוק כן דיחיד ורבים הלכה כרבים, והמתירים הם ארבע הפ"מ והשע"ת והאגודת איזוב והקצור שלחן ערוך, והפוסקי' דאין עונים הם שנים, והוי כיחיד כנגד רבים והלכה כרבים, ובפרט דהגאון בעל אגודות איזוב כתב שם שהציע טעמו לפני גדולי תורה והסכימו עמו,

---

צדקה ווער קומען פאר דיר, און זאל זאגין דעם פסוק ווען עהר גיט די צדקה צום ארומאן:

(סד) און קאגין ענטפערין אמן צווישען של יד און של ראש אויף להניח תפילין וואס מ'הערט אז דער חבר מאכט די ברכה, איז א מחלוקת צווישען די אחרונים און די הלכה איז מ'זאל ענטפערין אמן אויף להניח פונ'ם חבר ווייל רוב אחרונים זענין אויך אזוי מסכים, דער פנים מאירות ח"א סי' נ"ט, און דער שערי תשובה ברענגט איהם סי' כ"ה סע"ק ח' און איז מסכים מיט איהם, הגם וואס דער הגהות ר' עקיבא איגער איז מסכים צו תשובת דברי שמואל סי' קמ"ד וואס עהר אסר'ת צו ענפערין אמן צווישען של יד און של ראש אפילו אויף ברכת להניח תפילין וואס דער גאון בעל אגודת איזוב המדברי סימן ח' איז מסכים צום פנים מאירות הנ"ל, און עהר שרייבט אז עהר האט פאר געלייגט די זאך פאר כמה גדולי תורה און זיי האבין אויך מסכים געוועז מיט איהם אז מ'זאל יוא ענפערין, אויך אין קיצור ש"ע סי' י' סעיף ח' פסקנ'ט אויך אז מ'זאל ענפערין צווישען של יד און של ראש נאך ברכת להניח תפילין וואס מ'הערט פון חבר, און עהר שרייבט דארט א פערשטענדליכען טעם ווארין אמן איז די טייטש באגלויבונג, עהר גלויבט אין די מצוה פון תפילין איז עס דאך איין הני':

ע״כ פשיטא דכן נכון להורות לענות אמן על ברכת להניח של חברו בין של יד לשל ראש וק״ל:

(סה) **ואין** לעקש ולומר כיון דהגאון רע״א הוי חריף טפי הוא שקיל כמו רבים, יש לי שתי תשובות בדבר חדא מי יימר דהגאון בעל פ״מ הי׳ קטן מהגאון רע״א, הא הוא אצלינו מגדולי הפוסקים, ועוד הא קיימ״ל ב״ש וב״ה הלכה כב״ה כיון דהם הוי רובא הלכה כמותם כנגד ב״ש אף דב״ש הוי חריפי טפי, וא״כ מפורש דאין להשגיח על החריפות בזה במקום שגם הרבים הם גדולי תורה, כאשר אנו יודעין שהשערי תשובה והאגוד׳ איזוב והקיצור ש״ע כולם היו ת״ח גדולים גדולי תורה, ובפרט הפנים מאירות ידוע שהי׳ מגדולי הפוסקים ג״כ מסכים עמהם בודאי הלכה כמותם דעונין, גם חזינן להבית יוסף ביו״ד סי׳ שצ״ט פסק שם כנגד הרמב״ם וסייעתו כיון שהחולקים עליהם הם הרוב, וז״ל ולענין הלכה נקטינן כוותי׳ דרבים נינהו נגד הרמב״ם וסייעתו. ולא השגיח על גדולת הרמב״ם וסייעתו אם החולקים עליהם הם הרוב, ע״כ נלפענ״ד דכן נכון להורות לענות אמן על ברכת להניח בין של יד לשל ראש בלי פקפוק:

(סו) **ובענין** גודל חיוב הכוונה בעניית אמן כת׳ הרב הגאון הקדוש אבד״ק טארנינגראד זצל״ה בספרו היקר נועם מגדים פ׳ משפטים שזה מרומז בפסוק אלמנה ויתום לא תענון, דהנה אמרו ז״ל העונה אמן יתומה וכו׳ ומוזכר בפוסקים והוא שמפסיק ומאחר בעניית אמן אחר ברכת המברך הלא ענש יענש כמו שאמרז״ל, ואף אנו נאמר על העונה אמן בלי כוונה והתלהבות רק הרמת קול לבד שזה נקרא אמן אלמנה, עם הידוע דברי

---

(סה) **אויך** דֶער שערי תשובה הנ״ל אִיז אַזוֹי מַסְכִּים לַהֲלָכָה אוּן שְׁרַייבְּט דָארְט אויך אַפֶּערְשְׁטֶענְדְלִיכֶן טַעַם, אִם כֵּן אִיז דָאךְ אַוַדַאי דִי הֲלָכָה וִוי אַרַבִּים קֶעגִין דִי וָואס זֶענִין וֶוייגִיג הַיְינוּ דֶער דִבְרֵי שְׁמוּאֵל אוּן הַגָאוֹן ר׳ עקיבא אייגר ז״ל, וַוייל דֶער רוב פוֹסְקִים זֶענִין אַזוֹי מַסְכִּים אִיז דִי הֲלָכָה כְּרַבִּים, וִוי ס׳שְׁטֵייט אַחֲרֵי רַבִּים לְהַטּוֹת, מֶען בְּרוֹיךְ נָאךְ גֶעהְן נָאךְ׳ן רַבִּים:

(סו) **און** וֶועגִין חִיוּב כַּוָונָה בַּיי׳ם עֶנְפֶערִין אָמֵן שְׁרַייבְּט דֶער בעל מחבר ספר נועם מגדים פ׳ משפטים, אַז דָאס אִיז מְרוּמָז אִין פָּסוּק כָּל אַלְמָנָה וְיָתוֹם לא תְעַנוּן, וָוארִין חוּץ דֶעם וָואס דִי חז״ל זֶענִין מַזְהִיר אַז מ׳זָאל נִיט זָאגִין קֵיין אָמֵן יְתוֹמָה, ד. ה. אַז מ׳בְּרוֹיךְ תֵּיכֶף עֶנְפֶערִין אָמֵן נָאךְ דִי בְּרָכָה אָבֶער נִיט שְׁפֶּעטֶער וָוארִין דָאס הֵייסְט אַאָמֵן יְתוֹמָה, אַזוֹי אִיז פַארְהַאנְן אַאָמֵן אַלְמָנָה, דְהַיְינוּ מֶען זָאגְט אָמֵן אָהְן כַּוָונָה, דֶען אַדִיבּוּר אָהְן כַּוָונָה אִיז וִוי אַגוּף אָהְן אַנְשָׁמָה, דֶען דֶער דִיבּוּר אִיז פוּנְ׳ם

מויל

בעלי הקבלה לדמות דבור בלי כוונה כגוף בלי נשמה ממש, כי הדיבור ומוצאות הפה הם כלי הגוף והרי זה גשמי, והחיות להדיבור שהוא הכוונה הוא דבר רוחני בא מהנשמה שהוא ג"כ רוחני, ואם בלא נפש ידבר, הרי הדברים כגולמים לבד הרי הוא כאלמנה וגלמודה מבעלה הנפש והנשמה והרי לפנינו שתי אמנים, אשר מאן ימאן אבינו שבשמים, הא' אמן יתומה המוזכר בדברי רז"ל הנ"ל, ועוד אחרת היא אמן אלמנה שהיא בלי כוונה כנ"ל כמאמרם ז"ל שבת דקי"ט מאי אמן אל מלך נאמן וכתבו התום' שם דלפ"ז צריך לכוון כן בעניית אמן, וגם בפסקי תוס' שם מביא כן לזה"ל, שצריך להרהר בכל אמן א' מ'לך נ'אמן מלבד פשוטו של אמן שהוא האמנת דברים, ומלבד דברים העומדים ברומו וכבשונו של עולם, ועכ"פ הממעיט לא יפחות מלכוון בפשטות גם הכוונ' של אל מלך נאמן, וזולת הכוונה זוי עניית אמן כזה כאלמנה מטעם שכתבנו, ועל שתים אלו הזהיר האדון ה' צבאות במקרא קודש הלז ומרמז לנו כל אלמנה ויתום לא תענון שלא תענו אמן יתומה ואמן אלמנה, ויהי' תענון מלשון עונין עכ"ל:

(הגה"ה מבעהמ"ח לפי"מ שמבואר בספ' מדרש תלפיות ריש ענף אשה שגוף האדם החומרי הוא נמשל לאשה, והנשמה והצורה שהוא המחשבה הטהורה שבלב שהוא החיות להדיבור היא נמשלת לזכר וא"כ שפיר קאמר דאם בלי נפש ידבר רק הפה לבד ויאמר אמן בלי כוונה ומחשבה כדין הנ"ל

---

מ'יל וואס איז א ממש ווי דער גוף, און די כוונה איז דאך א רוחני, אזוי אזוי ווי די נשמה איז ג'ווייטער רוחניות, אין אויב עהר ענטפערט ניט אמן מיט כוונה איז אזוי ווי א אלמנה וואס בלייבט אליין אהן איהר מאן, דען תוספות אין מסכת שבת דף קי"ט שרייבט מ'זאל אין זינען האבען ביי'ם ענפערין א מ ן אל מלך נאמן, השי"ת איז א באגלייבטער מלך, און די ברכה וואס עהר זאגט איז אמת, און אויך די ביידע אמן'ם אמן יתומה און אמן אלמנה וואס השי"ת איז ממאס איז מרמז דער פסוק כל אלמנה ויתום לא תענון, דהיינו איהר זאלט ניט ענפערין קיין אמן אלמנה אדער א אמן יתומה, לא תענון איז פון לשון לא תענה, זאלסט ניט ענפערין דען עס איז א גרויסע עבירה, עכ"ל:

(הגה"ה פון בעל מחבר, אזוי ווי ס'שטייט אין ספר מדרש תלפיות אות אשה אז דער קערפער פון מענטש איז גלייך צו א אשה, און די נשמה וואס וויל דינען השי"ת מיט א ריינם גידאנק און מיט א ריין הערץ ווערט גיגליכען צו א זכר וואס עהר גיט א ריין חיות צו דער אשה דאס איז דער דיבור אהן כוונה, אזוי ווי ס'שטייט תפלה בלי כוונה כגוף בלי נשמה, ד. ה. תפלה אהן כוונה איז ווי א גוף אהן א נשמה, ווי א אשה אהן

איהרי

הוי כאלמנה וגלמודה מבעלה הצורה, שהוא המחשבה והכוונה כדין המבואר לעיל בספרנו זה בעזה"י;

(סז) **ועתה** נבאר בעז"ה דין עניית אמן בברכ' ק"ש דהנה אם סיים ברכת יוצר המאורות קודם הש"ץ מבואר בשע"ת סי' נ"ט סק"ה דיש לענות אמן וזה אליבא דכ"ע, וכן מבואר במשנה ברורה שם ס"ק כ"ד אך לענין אם צריך לדקדק לסיים הברכות ק"ש בשוה עם הש"ץ כדי שלא יצטרך להפסיק בין הברכה לק"ש בעניית אמן בזה יש חילוקי דעות, הנה בהברכה של יוצר המאורות, רוב דעות פסקו כהרמ"א סי' נ"ט סעיף ד' דימהר לסיים קודם הש"ץ ויענה אמן, שהרי הרב אומר כן (הוא הרב אדמו"ר) בש"ע שלו סי' נ"ט סעי"ד, וכ"כ הלבוש סי' נ"ט סעי"ד, וכן כתב השע"ת סעי"ק ה' דמפשטות לשון ש"ע המחבר משמע דדוקא אחר הבוחר כו' הוי כמפסיק בין הברכה לדבר שמברך עליו כו' [אבל לא אחר יוצר המאורות] וכן דעת הפמ"ג סי' ס"א סעק"ב וכן הבאתי ראי' לעיל סי' ט"ז ממדרש אגדת בראשית דעונים אמן אחר ברכת יוצר המאורות, וכדאי

---

איהר מאן אזוי איז א־אמן אהן כוונה, דאס איז מרמז דער פסוק אלמנה ויתום לא תענון, תענון קאן מען טייטשין ענטפערין אזוי ווי מען טאהר ניט ענפערין קיין אמן יתומה כנ"ל, אזוי טאר מען ניט ענפערין א־אמן אלמנה, היינו אהן כוונה דען ס'איז א־גרויסע עבירה:

(סז) **יעצט** וועלין מיר מבאר זיין דעם דין פון ענפערין אמן צווישען די ברכות פון קריאת שמע, וויבאלד עהר האט אויסגילאזין די ברכה יוצר המאורות פאר'ן חזן, איז מבואר אין שערי תשובה סימן נ"ט סעיף קטן ה' אז מ'ברויך זאגען אמן, און דאס וועגין אלע מודה, און אזוי שטייט אויך אין משנה ברורה סעיף קטן כ"ד, אבער אויב מ'ברויך וועהן אויס לאזין גלייך מיט'ן חזן און נאך זאגען אמן, און ניט ברויכין מפסיק זיין צווישען דער ברכה און קריאת שמע מיט אמן, איז דא חילוקי דעות, ביי ברכת יוצר המאורות האלטין רוב פוסקים ווי דער רמ"א אז מ'זאל היילען אויס צו לאזען פאר'ן חזן און ענפערין אמן, דער רב ש"ע זאגט אויך אזוי און דער לבוש דארט און דער שערי תשובה סעי"ק ה', ווייל פונ'ם לשון הש"ע ווייזט אויס אז דוקא נאך הבוחר כו' זאל מען ניט זאגין אמן ווייל ס'הייסט ווי א־מפסיק צווישען דער ברכה און די זאך וואס מ'מאכט איבער איהר, אבער ביי יוצר המאורות איז ניט אזוי, אויך דער פרי מגדים און אויך האבין מיר גיברכט א־ראי' אויבין סי' ט"ז פון מדרש אגדת בראשית אז מ'זאל זאגין אמן נאך יוצר המאורות, די אלע גאונים זענין ווערט סומך צו זיין אויף זיי צו טוען אזוי ווי דער רמ"א הייסט סי' נ"ט

הם תגאונים הנ"ל לסמוך עליהם לעשות כהרמ"א הנ"ל דימהר לסיים קודם הש"ץ כדי לענות אמן אחר ברכת יוצר המאורות אף על פי שיש מערערין בדבר:

(סח) **אך** לענין עניית אמן אחר הבוחר בעמו ישרא באהבה יש לעיין, דהנה המחבר בסי' נ"ט סע"ד כתב דלא יענה אמן משום דהוי הפסק וע"ז כתב בשל"ה הוב' בשע"ת סק"ה שנראה בעיניו מנהג הספרדים שלא יענה אמן ויסיים עם הש"ץ כדי שלא יפסיק בין האהב' לקבלת עול מלכות שמים, רק אם סיים קודם הש"ץ יש לענו' אמן, והטעם דלא יענה אמן אף ע"ג דמותר להפסיק מפני היראה וכבוד בין הפרקים כמ"ש בטור סי' ס"ו, מ"מ כיון שעוסק בשבחו של מקום אין לו להפסיק בשבח אחר עכ"ל השע"ת וכ"פ בטו"ז סי' ס"א סק"ב בשם הב"ח דלא יענה אמן אחר באהבת, דלא כהרמ"א שם שפסק דיענה אמן אחר באהבה:

(סט) **אמנם** הלבוש בסי' נ"ט סעיף ד' כת"ש על ברכת יוצר המאורו' וז"ל כשיגיע סמוך לסוף הברכ' ימהר לסיים הברכת קודם שיסיים החזן וכשסיים החזן יענה אמן מיהו אחר ברכת הבוחר בעמו ישראל באהבת, י"א

---

נ"ט אז מ'זאל אוים לאזין פאר'ן חזן די ברכה יוצר המאורות כדי נאך צו זאגען אמן:

(סח) **אבער** וועגין אמן נאך הבוחר בעמו ישראל באהבה, ברויך מען מעיין זיין, וואר'ין דער מחבר שרייבט אין סימן נ"ט סעיף ד' אז מ'זאל ניט זאגין אמן ווייל ס'הייסט א הפסק, אויף דעם שרייבט דער של"ה הקדוש און ס'ווערט געבראכט אין שערי תשובה סע"ק ה' אז עס געפעלט איהם דער מנהג פון די ספרדים ניט צו זאגי' מן נור אוים לאזין גלייך מיט'ן חזן, כדי ניט מפסיק זיין צווישען אהבה רבה און קבלת עול מלכות שמים, אז עהר האט אבער אוים געלאזט פאר'ן חזן ברויך עהר יו ענטפערין אמן, און דער טעם איז פאר וואס מ'זא, ניט זאגין אמן חאטש מ'מעג מפסיק זיין מפני היראה וכבוד בין הפרקים ווי דער טור שרייבט סי' ס"ו, פון דעסוועגין ווייל עהר איז עוסק אין שבח פון הש"ית ברויך עהר ניט מפסיק זיין מיט א אנדערין שבח, ע"כ לשון השע"ת, און אזוי פסק'נט אויך דער טורי זהב סי' ס"א סעיף קטן ב' פאר'ן ב"ח מ'זאל ניט זאגען אמן נאך הבוחר כו' באהבה, און ניט ווי דער רמ"א וואס פסק'נט דארט אז מ'זאל יא זאגען אמן נאך באהבה:

(סט) **אבער** דער לבוש סימן נ"ט סעיף ד' שרייבט דארט אויף ברכת יוצר המאורות מיט דעם לשון, אז מ'קומט נאהנט צו סוף ברכה זאל מען היילען אוים צו לאזען די ברכה פאר'ן חזן, כדי אז דער

וחזן

שלא למהר כדי לענות אמן דהוי הפסק בין הברכה לק״ש שכיון שברכה זו קאי על מצות ק״ש אין לו להפסיק בין הברכה להדבר שמברכין עליו וי״א ודאי אם היינו מברכין אשר קדשנו במצותיו וצונו׳ על מצות ק״ש הוי אמן הפסק בין הברכה להדבר שמברכין עליו אבל באלו הברכות שאינ׳ אלא תוס׳ שבח לפני שבח של ק״ש ל״ה אמן הפסק, וגם בהבוחר כו׳ ימהר קודם החזן ויענה אמן על ברכת החזן דלא גרע משאילת שלום שמפסיקין בין ברכה שני׳ לשמע וכן נוהגין עכ״ל הלבוש:

(ע) **וכן** נראה מדברי הפמ״ג סימן נ״א בא״א סק״ג שכתב שם וז״ל דע בק״ש וברכתי׳ דשואל מפני הכבוד כל שכן לענות אמן ולא הוי הפסק דאם שואל מפני הכבוד כ״ש לענות אמן, כמ״ש הטור בסי׳ ס״א בשם הרמ״ה, ומשמע אפי׳ אמן על שאר דברים שאדם מברך והוא שומע דעונה לדידן בסי׳ ס״א בהג״ה עכ״ל הפרי מגדים, הרי לחדיא שמסכים דעונין אמן גם אחר באהבה כמ״ש בריש דבריו בק״ש „וברכותי׳״, וחזינן דס״ל דבין הפרקים מותר לענות כל אמנים וכ״ד רע״א הובא בתוס׳ חיים

---

הַחַזָן װעט אוים לָאזֶען דִי בְּרָכָה זָאל מֶען קָאנֶען זָאגֶען אמן, אָבֶּער נָאךְ הַבּוֹחֵר בְּעַמוֹ יִשְׂרָאֵל אִיז פַארְהַאן אַדֵעָה אַז מְ׳זָאל נִיט הַיילֶען אוים צוּ זָאגֶען פַאר׳ן חַזָן און נָאךְ זָאגֶען אָמֵן, װייל ס׳הֵייסְט אַהֶפְסֵק צְװִישֶׁען דֶער בְּרָכָה און קְרִיאַת שְׁמַע, װייל דִי בְּרָכָה גִיהֶערְט אוֹיף מִצְוַת ק״ש בְּרוֹיךְ מֶען נִיט מַפְסִיק זַיין צְװִישֶׁען דֶער בְּרָכָה און דִי זַאךְ וָואס מְ׳מַאכְט אִיבֶּער אִיהר, אַדֵעָה אִיז פַארְהַאנְן אַז װֶען מִיר זָאלֶען זָאגֶען אֲשֶׁר קִדְשָׁנוּ כו׳ עַל מִצְוַת קְרִיאַת שְׁמַע. וָואלְט אָמֵן גִיװֶעזֶען אַהֶפְסֵק כנ״ל, אָבֶּער דִי בְּרָכוֹת וָואס זֶענֶען נוּר אַשֶׁבַח הֵייסְט אמן נִיט קֵיין הֶפְסֵק, אִיז אֲפִילוּ בַּיי הַבּוֹחֵר כו׳ זָאל מֶען הַיילֶען אוים צוּ לָאזֶען פַאר׳ן חַזָן און זָאגֶען אמן נָאךְ׳ן חַזָן, און אַזוֹי אִיז מֶען זִיךְ נוֹהֵג, עכ״ל הלבוש:

(ע) **און** אַזוֹי װייזְט אוֹיךְ אוים אִין פרי מגדים סימן נ״א און א״א סעי״ק ג׳ שְׁרַייבְּט עֶהר דָארְט מִיט דֶעם לָשׁוֹן דַע, זָאלְט װיסֶען אַז בַּיי ק״ש מִיט דִי בְּרָכוֹת אִיז דֶער דִין אַז שׁוֹאֵל מִפְּנֵי הַכָּבוֹד אִיז אַכָל שֶׁכֵּן אַז מְ׳זָאל עֶנְטְפֶערִין אָמֵן ס׳וָואלְט קֵיין הֶפְסֵק נִיט גִיהֵייסֶען װי דֶער טוּר שְׁרַייבְּט אִין סימן ס״א בשם הרמ״ה, און ס׳װייזְט אוים אַז אֲפִילוּ אָמֵן אוֹיף אַנְדֶערֶע בְּרָכוֹת וָואס עֶהר הֶערְט בְּרוֹיךְ עֶהר אוֹיךְ עֶנְטְפֶערִין אָמֵן עכ״ל הפרמ״ג, זֶעהְן מִיר דָאךְ בְּפֵירוּשׁ אַז עֶהר אִיז מַסְכִּים מְ׳זָאל עֶנְטְפֶערִין אמן אֲפִילוּ נָאךְ הַבּוֹחֵר בְּעַמוֹ כו׳ װי אוֹיבֶען גִישְׁרִיבֶּען, און מִיר זֶעהְן אַז עֶר הַאלְט אַז צְװִישֶׁען דִי פַּרְשִׁיוֹת פון ק״ש מֶעג מֶען עֶנְטְפֶערִין אַלֶע מִינֵי אָמֵן, און אַזוֹי אִיז אוֹיךְ דֶער דַעַת ר׳ עקיבא אייגער זצ״ל, דֶער תוספות חיים אויף׳ן חיי

אדם

על החיי"א כלל ב' סק"ט, וכ"ד הד"ח והשלחן שלמה, דבין הפרקים יענה כל אמנים וכ"פ בקיצור ש"ע סי' ט"ז סע"ב:

(עא) **וכתב** שם בפאת השלחן בהערותיו שדעת הרמ"א שגם בין באהבה לק"ש יכול לענות אמן על כל ברכה שהוא שומע, וכ"כ בערוך השלחן וז"ל דהעיקר לדינא כהרמ"א לענות אמן גם על ברכת הבוחר בעמו ישראל באהבה ומש"כ המחבר בסי' נ"ט סע"ד שלא לענות אז אמן מטעם הפסק אין אנו סוברים כן, משום דהברכות לא קאי על ק"ש כמ"ש בשם הרשב"א עכ"ל. ואחרון החביב הוא אדמו"ר סי' נ"ט סע"ד הוא ג"כ מסכים בהש"ע שלו לענות אמן בין באהבה לק"ש:

(עב) **וכ"כ** בס' קצות השלחן הנדפס מחדש וז"ל כן מתבאר מסידו' אדמו"ר שכתב ואסור להפסיק באמצע הברכה של ק"ש אפי' בעניית אמן שאחר ברכה זו עצמה, משמע דבסוף דברכה יכול לענות אמן שאחר ברכה זו עצמה, ונראה בפשיטות דיש לסמוך על כל הני גדולי רבוותא דיכול

---

אדם ברענגט איהם כלל ב' סע"ק ט', און אזוי איז אויך דער דעת הדר"ח און דער שלחן שלמה, אז צווישן די פרשיות זאל מען זאגן אלע מינ' אמ און אזוי פסק'נט דער קיצור ש"ע סימן ט"ז סעיף ב':

(עא) שרייבט דארט דער פאת השלחן אין זיינע הערות אז דער דעת הרמ"א איז אפילו צווישען אהבה און קריאת שמע מעג מען ענטפערין אמן אויף אלע ברכות וואס מ'הערט, און אזוי שטייט אויך אין ערוך השלחן מיט דעם לשון, און דער עיקר אין דין אריין איז וויא דער רמ"א צו ענטפערין אויך אויף הבוחר בעמו ישראל באהבה, און וואס דער מחבר שרייבט אין סימן נ"ט סעיף ד' אז מ'זאל ניט ענטפערין אמן צווישן הבוחר בעמו כו' מטעם הפסק, האלטין מיר ניט אזוי ווייל די ברכות געהערין ניט צו ק"ש ווי מיר האבען געשריבן פארן רשב"א עכ"ל, און דער ש"ע הרב סי' נ"ט סעיף ד' איז אויך מסכים צו זאגין אמן צווישן הבוחר כו' באהבה און ק"ש:

(עב) און אזוי שרייבט אויך דער קצורת השלחן אז ס'איז אזוי מבואר פון סידור הרב, ער שרייבט אסור להפסיק כו' מען טאהר ניט מפסיק זיין אין מיט ברכה פון ק"ש אפילו צו ענטפערין אמן נאך דער ברכה אליין, ווייזט אויס אז ביי'ם סוף ברכה מעג מען יו ענטפערי אמן נאך דער אייגענער ברכה, ווייזט אויס בפשיטות אז מ'קאן זיך סומך זיין אויף די אלע גדולים אז מ'מעג ענטפערין אמן אפילו אויף דער ברכה הבוחר כו' באהבה ווי דער רמ"א און דער לבוש און נאך גדולים וואס

מיר'

לענות אמן גם על ברכת הבוחר בעמו ישראל באהבה כהרמ"א והלבוש ושאר גדולי רבוותא שהבאתי והכי נקטינן:

(עג) ולקדיש ולקדושה ולברכו מבואר בש"ע סי' ס"ו סע"ג דמפסיק אפי' באמצע הפרק וכן למודים, והטעם מבואר במגן אברהם סק"ה דאם פוסק לשאול מפני כבוד בו"ד ק"ו מפני כבוד הקב"ה, וכתב המגן אברהם שם דמהאי טעמא אם שמע קול רעמים יפסיק ויברך עכ"ל וכתב המגן אברהם סק"ו דמש"כ המחבר דיפסיק למודים פי' למודים אנחנו לך בלבד ובברכו אומר ברוך ה' המבורך לעולם ועד, ואיש"ר עד עלמיא וישתוק וישמע עד אמן שאחר יתברך ויענה אמן, ומתתקבל ואילך לא יענה אמן כי אינו אלא מנהג, ועל ברכת התורה עונה ברוך ה' המבורך לעולם ועד, וגם אמן [על סוף הברכה] ובקדושה יאמר קדוש, וברוך, ולא ימלוך ובהגהות יש נוחלין משמע שעונין גם ימלוך שזה שייך לקדושה, אבל בתוספתא פ"ק דברכות משמע כדברי לחם חמודות, ונ"ל שבאמן יהא שמי' רבא אומר גם כן יתברך דהפליג מאד בבית יוסף בעונש המפסיק בין עלמיא ליתברך ע"ש, עכ"ל המגן אברהם:

---

מִיר הָאבֶּען גִיבְּרַאכְט, אוּן אַזוֹי אִיז דִי הֲלָכָה:

(עג) בַּיי קַדִּיש אוּן קְדוּשָׁה אוּן בָּרְכוּ אִיז מְבוֹאָר אִין ש"ע סימן ס"ו סעיף ג' אַז מְ'זָאל מַפְסִיק זַיין אֲפִילוּ אִין מִיט פֶּרֶק, אוּן אוֹיךְ צוּ מוֹדִים אוּן דֶער טַעַם אִיז מְבוֹאָר אִין מגן אברהם סעיף קטן ה' אַז מְ'מֶעג מַפְסִיק זַיין צוּ זָאגֶען שָׁלוֹם פוּן כָּבוֹד בָּשָׂר וָדָם וֶועגְין אִיז אַקַל וָחוֹמֶר פַאר כָּבוֹד הקב"ה, שְׁרַייבְּט דָארְט דֶער מג"א אַז נָאךְ דֶעם טַעַם קוּמְט אוֹיס אַז מְ' הֶערְט אַקוֹל פוּן אַדוֹנֶער זָאל מֶען מַפְסִיק זַיין אוּן מַאכֶען אַ בְּרָכָה עכ"ל, אִין סעיף קטן ו' שְׁרַייבְּט דֶער מג"א, דָאס וָואס דֶר מחבר זָאגְט אַז מְ'זָאל מַפְסִיק זַיין צוּ מוֹדִים, אִיז דֶער פֵּירוּשׁ בְּלוֹיס „מוֹדִים אֲנַחְנוּ לָךְ", אוּן בַּיי בָּרְכוּ זָאגְט מֶען בָּרוּךְ ה' הַמְבוֹרָךְ לְעוֹלָם וָעֶד, אוּן אָמֵן יְהֵא שְׁמֵיהּ רַבָּא בִּיז עָלְמַיָא, אוּן אוֹיס הֶערִין בִּיז אמן פוּן דַאֲמִירָן בְּעָלְמָא אוּן זָאגֶען אמן, אוּן אָמֵן'ס פוּן תִּתְקַבֵּל אָהן, זָאל מֶען נִיט עֶנְפֶערִין וַוייל ס'אִיז נוּר אַ מִנְהָג, אוּן אוֹיף דֶער בְּרָכָה בַּיי'ם סֵפֶר, עֶנְפֶערְט מֶען בָּרוּךְ ה' הַמְבוֹרָךְ לְעוֹלָם וָעֶד, אוּן אוֹיךְ אמן [אוֹיף'ן סוֹף בְּרָכָה], אוּן בַּיי קְדוּשָׁה זָאל מֶען זָאגֶען קָדוֹשׁ כו' בָּרוּךְ כו' אָבֶּער נִיט יִמְלוֹךְ, אִין הַגָהוֹת יֵשׁ נוחלין וַוייזְט אוֹיס אַז מְ'זָאגְט יִמְלוֹךְ אוֹיךְ וַוייל ס'גִיהֶערְט אוֹךְ צוּ קְדוּשָׁה, אָבֶּער אִין תוספתא פוּן ברכות פֶּרֶק ראשון וַוייזְט אוֹיס ווִי דֶער לחם חמודות, גִיפֶעלְט מִיר אַז בַּיי אָמֵן יְהֵא שְׁמֵיהּ רַבָּא זָאל מֶען זָאגֶען יִתְבָּרַךְ אוֹיךְ, וַוייל דֶער בית יוסף אִיז שְׁטַארְק מַפְלִיג אִין עוֹנֶשׁ פוּן דֶעם וָואס אִיז מַפְסִיק צְווִישֶׁען

עלמיא

(עד) **ובבין** הפרקים מבואר מכל האחרונים הנ"ל דמותר לענות כל אמנים, ואמן של הא־ל הקדוש ושומע תפלה דינו כמו קדיש וקדושה וברכו דמפסיק אפי' באמצע הפרק, חוץ מהפסוק שמע ישראל וברוך שם כבוד מלכותו לעולם ועד מבואר בהמחבר סי' ס"ו סע"א דלא יפסיק בהם כלל אם לא מפני מי שירא שמא יהרגנו, וכתב שם במשנה ברורה סע"ק י"ב וז"ל משמע דאפי' קדיש וקדושה וברכו לא יענה, ואפשר דאבו הקריאה הי' לאחר ג' שעות דהוא רק כקורא בתורה צריך להפסיק [בין שמע ישראל לברוך שבמל"ו] עכ"ל המשנה ברורה:

(עה) **וכתב** הרמ"א שם סעי' ג' דמכל שכן באומר תחנונים [דמפסיק להאמן דהא־ל הקדוש ושומע תפלה] וכתב שם המשנה ברורה ס"ק כ"ב דהוא מיירי בתחנונים הרגיל לומר בסוף סיום י"ח ע"כ אלו אמנים דוקא, וכתב שם דכן מצא בתשובת הרשב"א שממנו נוגע הדין עכ"ל המשנה ברורה:

(עו) **אבל** בספר ערוך השולחן סי' קכ"ב סעיף ב' פסק שבתחנונים

---

עלמיא און יתברך, ע"ש, ביז אהער איז דאס לשון המג"א:

(עד) **און** וועגן בין הפרקים איז מבואר פון אלע אחרונים הנ"ל אז מ'מעג ענטפערין אלע אמן'ס, און אמן פון הא־ל הקדוש און שומע תפלה איז דער זעלבער דין ווי קדיש וקדושה וברכו אז מ'זאל מפסיק זיין אפילו אין מיטען פרק, אויסער דעם פסוק שמע ישראל און ברוך שם כבוד כו' איז מבואר אין מחבר סימן ס"ו סעיף א' אז מ'זאל ניט מפסיק צווישען זיי גאר ניט סיידין אז ס'איז דא א פחד פון סכנות נפשות, שרייבט דארט דער משנה ברורה סע"ק י"ב מיט דעם לשון, מ'ווייזט אויס אז אפילו קדיש וקדושה וברכו זאל מען ניט ענטפערין, און ס'איז מעגליך אז וויבאלד אז יענער זאגט קריאת שמע נאך'ן זמן היינו נאך דריי שעה אויפ'ן טאג איז דאך גלייך ווי ער לייענט און דער תורה ברויך מען יו מפסיק זיין [צווישען שמע און ברוך שם] עכ"ל המ"ב:

(עה) **שרייבט** דארט דער רמ"א סעיף ג' אבער שבן אז מ'זאגט תחנונים [גיבעט] [איז מען מפסיק צו זאגען אמן פון הא־ל הקדוש און שומע תפלה], שרייבט דארט דער מ"ב סע"ק כ"ב אז מ'מיינט תחנונים וואס מ'זאגט אין סוף שמונה עשרה [דהיינו אלהי נצור] על כן דווקא די אמן'ס, און ער שרייבט דארט אז ער האט אזוי געפונען אין תשובת הרשב"א וואס פון איהם נעמין מיר דעם דין עכ"ל המ"ב:

(עו) **אבער** דער ערוך השלחן סימן קכ"ד סעיף ב' פסק'נט אז אין אלהי נצור וואס נאך שמונה עשרה מעג מען זאגען אלע אמן'ס

אויב:

שלאחר י"ח מותר לומר כל אמנים אם אמר קודם התחנונים יהיו לרצון, ומ"ש המשנה ברורה דכן מצא בתשו' הרשב"א דמותר להפסיק דוק' בהאמנים דהא' הקדוש ושומע תפלה ודכוותייהו, יש לומר דהרשב"א מיירי שלא אמר יהיו לרצון קודם התחנונים אבל אמר יהיו לרצון קודם התחנוני' י"ל דהרשב"א מודה דמותר להפסיק לכל אמנים דלא כט"ז דכת"ש דאסור לענות בתחנונים שאר אמנים אפי' אמר יהיו לרצון קודם התחנונים, ואחר כך בסעיף ד' כתב הערוך השלחן וז"ל וכבר בתבנו דאפי' אמן סתם יכול לענות והפסק' לדבר אחר הוא דאסור ע"ש דמסתבר טעמי', וכ"פ בקיצור שלחן ערוך סי' י"ח סעיף ט"ו דאם אמר יהיו לרצון תיכף כשמסיים תפלת י"ח מותר לענות כל אמנים, וכתב שם בפאת השלחן בהגהותיו טעמא דמסתבר בזה ומדחה דברי הט"ז שם דאוסר לענות שאר אמנים, וכת"ש דכן פסק המחב' שלחן שלמה דמותר לענות כל אמנים אחר יהיו לרצון הראשון:

(עז) **וכן** פסק הגר"א ז"ל בסידור שלו אחר הסיום הש"ע וז"ל עוד כתב בספר אמרי נועם שאמר הגר"א ז"ל שאחר יהיו לרצון כבר נגמרה התפלה וכמאן דעקר רגליו דמי, וכ' ואם יאמר יהיו לרצון קודם [התחנונים]

---

אויב עהר האט גיזאגט יִהְיוּ לְרָצוֹן, און וואס דער משנה ברורה שְׁרייבּט אַז עהר האט געפונין אין תשובת הרשב"א אַז נור דַוְקָא אָמֵן פון הָאֵ-ל הַקָּדוֹשׁ און שׁוֹמֵעַ תְּפִלָּה וכְדוֹמֶה, קאן מען זאגען אַז דער רשב"א שְׁמוּעֶסְט ווען עֶהר האט קיין יִהְיוּ לְרָצוֹן נִיט געזאגט פריער, אָבער אַז עֶהר האט געזאגט יִהְיוּ לְרָצוֹן פאר אֱלֹהַי נְצוֹר קאן זיין איז דער רשב"א אויך מוֹדֶה אַז מ'מעג זאגען אַלֶע אָמֵן'ס, און נִיט ווי דער ט"ז וואס זאגט אַז אֲפִילוּ מ'האט געזאגט יִהְיוּ לְרָצוֹן טאר מען ניט ענטפערין קיין אַנְדֶערֶע אמן'ס. נאך דעם שְׁרייבּט עהר דָארט סעיף ד', און מיר האבען שוין גישְׁרִיבֶען אַז אַלֶע אמן'ס מעג מען זאגען נור צו אַנְדֶערֶע זאכען טאר מען נִיט מַפְסִיק זַיין, און שְׁרייבּט דרויף גוטע טְעָמִים. און אַזוי פַּסְקִ'נט אויך דער קיצור ש"ע סימן י"ח סעיף ט"ו אַז עֶהר האט באלד נאך שְׁמוֹנֶה עֶשְׂרֵה פאר אֱלֹהַי נְצוֹר גיזאגט יִהְיוּ לְרָצוֹן מעג עהר שוין זאגען אמן אויף אַלֶע בְּרָכוֹת, און עֶהר בְּרֶענְגְט דארט אין זַיינֶע הַגָהוֹ"ת וואס רופין זיך פאת השלחן רִיכְטִיגֶע טְעָמִים צו דעם דין, און איז מַדְחֶה דעם ט"ז וואס אַסְרִ'ת, און עֶהר שְׁרייבּט אַז אויך דער מחבר שלחן שלמה פַּסְקִ'נט אַז מ'האט גיזאגט יִהְיוּ לְרָצוֹן מעג מען ענטפערין אַלֶע אָמֵן'ס:

(עז) און אַזוי בְּרֶענְגְט עֶהר אין ווילנער גָאוֹן'ס סידור מיט דעם לָשׁוֹן, נאך שְׁרייבּט דער אמרי נועם פון גאון ז"ל, אַז נאך יִהְיוּ לְרָצוֹן אִיז גִיעֶנְדִיגְט דִיא תְּפִלָּה אִין'ם'איז גְלייך ווי מ'האט שוין זיך אוים

גירוקט

פשיטא דמותר לומר כל מה שירצה דכמאן דעקר [רגליו] דמי עכ"ל: ונראה דיש לסמוך על כל הני גדולי רבוותא בתראי ולענות כל אמנים אחרי יהיו לרצון הראשון:

אגב ארפים בעז"ה עוד דבר נחוץ חידוש דין מספר ערוך השלחן סי' נ"ב לזכות הרבים:

(עח) דהנה כתוב בש"ע סי' נ"ב אם בא לביהכ"נ ומצא ציבור בסוף פסוקי דזמרה ואמר ברוך שאמר ותהלה לדוד ואח"כ הללו את ה' מן השמים ואח"כ הללו אל בקדשו כו' ואח"כ ישתבח ואח"כ יוצר אור וק"ש וברכותי' ויתפלל עם הציבור כו', וכתב שם הרמ"א ז"ל ומ"מ יאמר [לאחר התפלה] כל הברכות שמחויב לברך בבקר עכ"ל, וכ' הפר"ח סי' נ"ח הובא בפמ"ג סי' נ"ב במ"ז סק"א דאם לא אמר אלהי נשמה א"א אחר התפלה שכבר נפטר בברכת מחיי מתים, עוד כ' הפג"מ דגם בה"ת לא יאמר שכבר נפטר באה"ר, וכתב ע"ז בס' ערוך השלחן סי' נ"ב שלפי דעתו גם ברכת הנותן לשכוי בינה לא יברך אחר שבירך יוצר המאורות וגם ברכת מתיר אסורים אחרי שהזכירו בשמ"ע במכלכל חיים ומסיק שם וז"ל דנ"ל דספק ברכות להקל ולא יאמ' גם אותן הב' ברכות אחר התפלה עכ"ל:

---

גירוקט פון שְׁמוֹנֶה עֶשְׂרֵה, שרייבט עהר דארט אַז ווייבאלד עהר זאָגט יִהְיוּ לְרָצוֹן איז אַפְּשִׁיטָא אַז מ'מעג אַלְלֶעם זאָגין וואָרין ס'איז גְלֵייךְ ווי מ'איז שוין אוים גיגאַנגֶען פון שְׁמוֹנֶה עֶשְׂרֵה, און ס'איז בְּוַדַּאי זִיךְ סוֹמֵךְ צו זיין אויף די אַלֶע גדולים און ענפערין אמן נאָך יִהְיוּ לְרָצוֹן:

יעצט אַזוי וויא איך האָב געוועהן אַנאַייעם דין אין סֵפֶר ערוך השלחן סימן נ"ב ווער איך עהם דא שרייבען מְזַכֶּה רַבִּים צו זיין:

(עח) אַזוי ווי ס'שטייט אין שלחן ערוך סימן נ"ב אַז מ'קומט שפעט אין שוהל און מ'קאן ניט נאָך קומען דעם מנין זאָל מען איבער הי־פען טייל מִזְמוֹרִים אַבִּי צו דאַווענין מיט מנין וואָרין ס'איז זעהר אַגרויסי מִצְוָה, זאָגט דער רמ"א אָבער אַלֶע בִּרְכוֹת הַשַּׁחַר איז מען מְחוּיָּב צו זאָגען נאָך דעם דאַווענין. אויף דעם זאָגט דער פרי חדש אַז די בְּרָכָה פון אֱלֹהַי נְשָׁמָה טאָר מען ניט זאָגען נאָך שְׁמוֹנֶה עֶשְׂרֵה ווייל מ'איז יוֹצֵא מיט מְחַיֵּה הַמֵּתִים, און דער פרמ"ג זאָגט אַז בִּרְכַּת הַתּוֹרָה זאָל מ'אויך ניט זאָגען נאָך דעם דאַווענין ווייל מ'איז יוֹצֵא מיט אַהֲבָה רַבָּה. דרויף שרייבט דער ערוך השלחן אַז לְדַעְתּוֹ בְּרוּךְ מען בִּרְכַּת הַנּוֹתֵן לַשֶּׂכְוִי בִינָה אויך ניט זאָגען נאָך'ן דאַווענין ווייל מ'איז יוֹצֵא מיט יוֹצֵר הַמְּאוֹרוֹת אויך מַתִּיר אֲסוּרִים בְּרוּךְ מען ניט זאָגען נאָך'ן דאַווענין ווייל מען האָט שוין דערמאָנט אין שְׁמוֹנֶה עֶשְׂרֵה בַּיי מְכַלְכֵּל חַיִּים כו' וּמַתִּיר אֲסוּרִים:

(עט) **אגב** נחוץ להודיע מש״כ הבאר היטב סי׳ נ״ב סק״א וז״ל, המגיד הזהיר להב״י כו׳ להתפלל כסדר ולא בדילוג כי העושה כן מהפך הצינורות, ומסיק שם הבא״הט וז״ל, אבל בתשובות חכ״צ סי׳ ל״ו כתב שמש״כ בס׳ הזוהר להתפלל כסדר היינו שאינו מתפלל עם הצבור אבל אם איחר לבוא לביהכ״נ ובא כשהציבור מתפללין כ״ע מודי [היינו הזוהר והמגיד הנ״ל] דמדלג כדי להתפלל עם הציבור, וכ״כ הפר״ח בסי׳ נ׳, עכ״ל הבאר היטב והובאו דברי הבאה״ט אלו בספרי עמק יהושע אחרון בהעלי׳ לתרופה שם סוף סימן ג׳, והבאתי שם בספרי הנ״ל בסוף שער הטהרה בהשמטות דכן פסק בס׳ ארחות חיים מהרב הגאון דברזאן זצ״ל בסי׳ נ״ב בשם ספר מאורי אור והוסיף שם בשמו דהשוהים לבא לביהכ״נ ואין מדלגין מטעם היפוך הצינורות הוא עובר על דברי חכמים כי זה רק לכתחילה אבל לא לעיכוב כלל ועי״ש שהביא ראי׳ לזה ע״כ לשוני שם:

(פ) **כתב** בתשובות הרמ״ע סי׳ פ״ד הובא במגן אברהם ריש סימן ס״ט בדין פורס על שמע, דדוקא מי שלא שמע ברכו כלל התירו

---

(עט) **אַגב** איז נויטיג מודיע זיין וואס דער באר היטב ברענגט סימן נ״ב מיט דעם לשון, דער מגיד האט מזהיר געווען דעם הייליגען בית יוסף ער זאל דאבינען כסדר ניט איבער-היפּערן, וואָרין דער וואס איבער היפּערט קערט ער איבער די צנורות, פיהרט דאָרט אוים דער באה״ט וז״ל, אָבער דער חכם צבי ברענגט אין זיינע תשובות סימן ל״ו, אַז דאס וואס ס׳שטייט אין זוהר אַז מ׳זאל דאבינען כסדר, מיינט מען נור אַז מ׳דאבינט ביחידות אָהן אַ ציבור, אָבער אַז ער האט פאַרשפּעטיגט און איז געקומען ווען דער ציבור האלט שוין אין מיטן דאבינען זענען אַלע מודה אַז מ׳זאל יוא איבער היפּען כדי מ׳זאל דאבינען מיט׳ן ציבור, און אַזוי אויך שרייבט דער פר״ח סי׳ נ׳, ביז אַהער איז דאס לשון פון באר היטב, און איך ברענג איהם אין מיין ספר עמק יהושע אחרון אין קונטרס עלה לתרופה סוף סימן ג׳, אין איך ברענג דאָרט אין סוף שער הטהרה אין די השמטות, אַז אַזוי פּסק׳נט דער בערזאַנער רב פאַר׳ן ספר מאורי אור, און איז דאָרט מוסיף פאַר׳ן מאורי אור וועגען אַז די וואס פערשפּע-טיגן דעם דאבינן כנ״ל און היפּערין ניט זענען זיי עובר אויף דברי חכמינו ז״ל, וואָרין נור לכתחלה ברויך מען דאבינין גלייך כנ״ל אָבער ניט לעיכוב, און ברענגט דאָרט אַראיה לדבריו ע״ש:

(פ) **אין** תשובות הרמ״ע סימן פ״ד שטייט און אויך דער מגן אברהם ברענגט איהם אין אָנהויב סימן ס״ט אין דין פון פורס על שמע ד. ה. צו זאָגען ברכו מיט קדושה ווען מ׳האט פערשפּעטיגט דעם מנין,

שרייבט

לומר בשבילו ברכו אף שכבר אמר יוצר אור אבל בשביל מי ששמע כבר ברכו מפי החזן או מן העולה לתורה רק שהוא נתאחר מחמת שהאריך בפסוקי דזמרה ומתפלל ביחידות ועתה הגיע לברכו היינו קודם שהתחיל יוצר אור אומרים בשבילו ברכו כ"ש הוא בעצמו אי איכא עשרה שרי ליה למימר ברכו אף שכבר שמע. אבל לאחר שהתחיל יוצר אור אין חוזרין בשבילו אם כבר שמע ברכו אף שלא שמע רק מהעולין לתורה וגם הוא בעצמו לא יאמר ברכו עכ"ל. וכ"פ בש"ע הרב רז"ש בסי' ס"ט סע"ד, אבל מי ששמע כבר קדושה אין לו לומר קדושה עוד פעם כשהגיע לתפלת י"ח כאשר הוא מתפלל ביחידות, וכן שמעתי מרבנן קשישאי דהסברא נותנת כן דיש לחלק בין ברכו לקדושה, דבשלמא ברכו כך היא סדר התפלה לומר ברכו קודם יוצר אור אבל קדושה הסדר התפולה לאמרו הש"ץ אחר השמונה עשרה ולמה יאמר עתה קדושה כיון שאין סדר התפלה כך והוא כבר שמע קדושה, אך מי שלא שמע עדיין קדושה התירו לו לומר ג' ברכות ראשונות

---

שדייבט עהר אז דוקא ווען מ'האט ניט גיהערט קיין ברכו דעמאלט מעג מען זאגען פיר איהם קדיש מיט ברכו אפילו עהר האט שוין גיזאגט יוצר אור, אבער אז עהר האט שוין גיהערט ברכו פונ'ם חזן אדער פון א עולה לתורה נור עהר האט פערשפעטיגט ווייל ער האט גילאסין גיזאגט פסוקי דזמרה אין דאבינגט ביחידות און עהר האלט ביי ברכו איידער עהר האט אהן גיהויבען יוצר אור, אז ס'איז דא צעהן מענטשין מעג מען זאגן פיר איהם ברכו אפל שבן אז ער אליין מעג זאגין חאטש ער האט שוין גיהערט כנ"ל, אבער אז עהר האט שון אהן גיהויבין זאגין יוצר אור, זאל מען ניט זאגין פיר איהם ברכו כל שכן אז עהר אליין טאר אוודאי ניט זאגען ווייל עהר האט שוין גיהערט, אפי' פון א עולה לתורה עכ"ל, און אזוי פסק'נט אויך דער רב שלחן ערוך סימן ס"ט סעיף ד', אבער קדושה וויבאלד עהר האט שוין גיהערט קדושה און יעצט אז עהר האט גידאבינט ביחידות טאהר עהר ניט זאגין קיין קדושה, און אזוי האב איך גיהערט פון גרויסע רבנן אז די סברה גיט אזוי מיט אז ס'איז א חילוק צווישען קדושה און ברכו כנ"ל, וואריז בשלמא ברכו איז אזוי די סדר התפלה פריער ברכו נאכהער יוצר אור, אבער קדושה איז דער סדר צו זאגען נאך שמונה עשרה אז דר חזן זאגט איבער, ע"כ אז ער האט אבער שוין גיהערט קדושה פארוואס זאל עהר משנה זיין דעם סדר התפלה צו זאגען אין מיטין קדושה אז עהר האט שוין גיהערט, אבער ווער ס' האט ניט גיהערט קיין קדושה, האט מען מתיר גיוועזין צו זאגען די ער-שטע דריי ברכות מיט קדושה הוך, אבער ניט אז ער האט שוין גיהערט

קדושה:

בקול עם קדושה אבל לא למי ששמע כבר קדושה לפי שאין סדר התפלה כך כמובן:

(פא) **הנה** מה שיש נוהגין לענות אמן אחר הש"ץ שענה אחר הקהל ברוך ה' המבורך לעולם ועד גם אחר העולה לתורה שענה אחר הקהל ביהל"ו, הנה דבר זה כתוב בסידור דרך החיים אחר ישתבח בסי' ב' וז"ל כתב בס' שערי אפרים קצת ש"ץ כשהציבור אומרים ביהל"ו עונה אחריהם אמן וחוזר ואומר ביהל"ו וטעות הוא בידם כיון שאומרים מיד ברוך ה' כו' א"צ לומר אמן, אבל הצבור יאמרו אמן אחר הש"ץ אף שאמרו בתחילה ביהל"ו וכן נוהגין, עיין פרמ"ג סי' נ"ז עכ"ל, והפמ"ג סי' נ"ז כתב שם וז"ל ומ"מ יראה רשות הוא, אם ירצו הצבור עונין אמן, וכן הסכים בס' משנה ברורה דמביא בשם הפמ"ג סי' נ"ז דהכריע לבסוף דרשות הוא ביד הצבור אם ירצו עונין ע"ז אמן ומסיק המ"ב שם וז"ל ועכ"פ מי שהוא עומד במקום שאסור להפסיק לא יענה אמן זה, הרי להדיא דבמקום שמותר להפסיק הוא מסכים לענות אמן שם, וכן בקיצור ש"ע סי' ט"ו סעי' ח' כתב שם דיש נוהגין לענות אחר הש"ץ אמן אבל הש"ץ לא יענה אחר אמירת

---

קְדוּשָׁה וַוייל דֶער סֵדֶר הַתְּפִלָּה אִיז נִיט אַזוֹי כַּמּוּבָן:

(פא) **דָאס** וָואס סְ'פַארְהַאנֶגן טֵייל וָועלְכֶע זֶענֶען זִיךְ נוֹהֵג נָאךְ זָאגֶען אָמֵן נָאכְ'ן חַזָן אַז עֶהר זָאגְט בָּרוּךְ ד' הַמְבוֹרָךְ לְעוֹלָם וָעֶד, אוֹיךְ נָאכְ'ן עוֹלֶה לַתּוֹרָה ווִי עֶהר זָאגְט בָּרוּךְ ה' הַמְבוֹרָךְ לְעוֹלָם וָעֶד' דֶער דִּין גֶעפִינְט זִיךְ אִין סִידוּר דֶרֶךְ הַחַיִּים נָאךְ יִשְׁתַּבַּח סִימָן ב' מִיט דֶעם לָשׁוֹן, סְ'שְׁטֵייט אִין סֵפֶר שַׁעֲרֵי אֶפְרַיִם, אַז אַ טֵייל חַזָנִים, וֶוען דֶער צִיבּוּר זָאגְט בָּרוּךְ ה' הַמְבוֹרָךְ כּוּ' עֶנְטְפֶערִין זֵיי אָמֵן, נָכְהֶער זָאגְט עֶר בָּרוּךְ ה' הַמְבוֹרָךְ כּוּ', אָבֶער זֵיי הָאבֶען אַגְרוֹיסִין טָעוּת, וַוייל זֵיי עֶנְטְפֶערִין תֵּיכֶף בָּרוּךְ ה' הַמְבוֹרָךְ בְּרוֹיכֶען זֵיי נִיט זָאגֶען אָמֵן, אָבֶער דֶער צִיבּוּר זָאגְט נָאכְ'ן חַזָן אָמֵן, הַגַם שֶׁזֵיי הָאבֶּען פְרִיעֶר גֶיזָאגְט בָּרוּךְ ה' הַמְבוֹרָךְ כּוּ' אוּן אַזוֹי אִיז מֶען זִיךְ נוֹהֵג, אוּן דֶער פְּרִי מְגָדִים סי' נ"ז שְׁרַייבְּט מִיט דֶעם לָשׁוֹן, דָאךְ וַויזְט אוֹיס אַז עֶס אִיז אַ רְשׁוּת, אַז וֶוער סְ'וִויל מֶעג עֶנְטְפֶערִין, אוּן אַזוֹי אִיז אוֹיךְ מַסְכִּים דֶער מִשְׁנָה בְּרוּרָה עֶהר בְּרֶענְגְט דָארְט פוּן דֶעם פְּרִי מְגָדִים סִימָן נ"ז אַז צוּם סוֹף אִיז עֶהר מַכְרִיעַ אַז סְ'אִיז אַ רְשׁוּת אַז דֶער צִיבּוּר וִויל מֶעגִין זֵיי עֶנְטְפֶערִין אָמֵן, אוּן דֶר מִשְׁנָה בְּרוּרָה פִירְט אוֹיס וז"ל, עַל כָּל פָּנִים אַז מְ'הַאלְט אוֹיף אַזוֹי אַ אָרְט וָואס מְ'טָאר נִיט מַפְסִיק זַיין זָאל מְ'נִיט זָאגִין דֶעם אָמֵן, זֶעהְט מְ'דָאךְ מְפוֹרָשׁ אַז ווִיבַּאלְד מְ'הַאלְט אִין אַזוֹי אָרְט וָואס מְ'מֶעג מַפְסִיק זַיין אִיז עֶהר מַסְכִּים מְ'זָאל יוֹא זָאגִין אָמֵן הנ"ל, אוּן אִין קִיצוּר ש"ע סִימָן ט"ו סְעִיף ח' שְׁרַייבְּט דָארְט אַז טֵייל

הקהל עכ"ל, מכל הלין מבואר שנכון לענות אמן אחר הש"ץ העונה ברוך ה' המבורך לעולם ועד, אבל אחר כתבי זאת מצאתי להגדול שבאחרונים בסידור הרב אדמו"ר בהל' תפלה אחר דין קדושת תפילין וז"ל, ולא יענה אמן אחר הש"ץ שאומר ברוך ה' הל"ו כי אין צריך כלל לענות אמן זה וכו' ולכן אין להש"ץ להמתין עד שיסיימו הצבור ביהל"ו אלא עונה עמהם ביחד עכ"ל:

(פב) וזה רמז לי ידידי הרב הג' ר' חיים נאה שליט"א בעהמ"ח ס' קצות השלחן בהלבוש שכתב בסימן נ"ז שטוב הוא שהש"ץ יחזור ברוך ה' לעולם ועד „בלחש" דיש לומר דלכך יענה הש"ץ „בלחש" שלא יביא את הקהל לספק עניית אמן כאשר יש מחלוקת בזה בין הפוסקים, כי בסידור יעב"ץ כתב ג"כ וז"ל ועונים אמן אחר הש"ץ שכ"ש קודם ברכו סי' ג' וז"ל, כורע בברכו וזוקף בשם ועונים אמן אחר החזן וכשיש מנין מצומצם אומר החזן והקהל ביחד ברוך ה' המבורך לעולם ועד ואין עונים אמן, הרי מבוא, להדיא דכשיש יותר ממנין מצוצמם אז עונים אמן אחר החזן העונה ברוך ה' המבורך לעולם ועד:

---

ועניין זיך נוהג צו ענטפערין אמן נאך'ן חזן אז ער זאגט ברוך ה' המבורך אבער דער חזן זאל ניט זאגין קיין אמן נאך וקהל עכ"ל, פון דעם אלעם זעהן מיר אז ס'איז גלייך צו זאגין אמן נאך'ן חזן אז ער זאגט ברוך ה' המבורך וכו', אבער נאך מיין שרייבן האב איך געפונען אין סידור והרב אין הלכות תפלה מיט דעם לשון, מ'זאל ניט ענטפערין אמן נאך'ן חזן אז ער זאגט ברוך ה' המבורך כו', ווארין מ'ברויך דעם אמן ניט זאגין, דריבער ברויך דער חזן ניטווארטין ביז דער קהל וועט אוים לאזין ברוך ה' כו' נור זאגין גלייך מיטן קהל:

(פב) און דאס האט מיר אן גיוויזען הרב ר' חיים נאה נ"י אין לבוש וואס שרייבט אין סימן נ"ז אז ס'איז בעסער אז דער חזן זאל זאגען ברוך ה' המבורך ו"ל „שטיל", קאן מען זאגין אז דריבער זאל דר חזן זאגין שטיל, כדי דער קהל זאל ניט קומען צו א ספק אמן אזוי ווי ס'איז א מחלוקת צווישען די פוסקים און דער סידור יעב"ץ שרייבט אויך אז מ'זאל ענפערין אמן נאך ברוך ה' המבורך כו', ער שרייבט דארט אין די דינים וואס פאר ברכו מיט דעם לשון, מ'זאל זיך בוקען ביי ברכו און אויף שטעלין ביי'ם שם, און מ'ענטפערט אמן נאך'ן חזן, און אז ס'איז נאר א מנין מצומצם זאגט דר חזן מיט'ן קהל צו זאמען ברוך ה' המבורך וכו', און ניט ענפערין אמן, זעהן מיר דאך מפורש אז אויב ס'איז דא מעהרער מענטשין ענפערט מען יא אמן נאך'ן חזן אז ער זאגט ברוך ה' המבורך וכו':

און

(פג) **והנה** החיי אדם כתב כלל י"א סימן ה' וז"ל, ואחר שאמר הש"ץ ברוך ה' המבורך לעולם ועד אין צריך לענות אמן, והנה אין אני רוצה להכנים ראשי להכריע בין ההרים הגדולים האלו אשר קטנם עבה ממתני, רק זאת נוכל בודאי לומר שאלו ואלו הם דברי אלקים חיים, ודעביד כמר עביד, ודעביד כמר עביד:

(פד) **ועתה** אבאר בעזה"י הדין המוסכם ברוב האחרונים דאם אחד לא שמע מהש"ץ כשאמר ברכו רק שמע מהקהל היינו י' אנשים שאמרו ברוך ה' המבורך לעולם ועד עונה עמהם ג"כ ברוך ה' המבורך לעולם ועד, אבל אם שמע רק מהש"ץ מה שעונה אחר הקהל ברוך ה' המבורך לעולם ועד לא יענה עמו רק יענה אמן על דבריו, שהרי הרב אדמו"ר אומר כן בשלחן ערוך שלו בסי' נ"ז סעי"ב דכן עיקר שאם ט' שמעו מהש"ץ ברכו ועונין אחריו יכולים כל הקהל לענו' עמהם אע"פ שלא שמעו מהש"ץ ברכו את ה' המבורך וכו' כיון שיש כאן עשרה האומרים דבר שבקדושה, וכן כתב בסידור דה"ח אחר ישתבח סי' ב' ומסיים שם בסידור דה"ח א"ר סי' קל"ט דלא כמ"א סי' נ"ז וכן הלכה:

---

(פג) **און** דער חיי אדם שרייבט אין כלל י"א סימן ה' אז נאך דעם ווי דער חזן זאגט ברוך ה' המבורך כו' ברויך מען ניט זאגין אמן און מיר ווילין זיך ניט מכנים זיין צו מכריע זיין צווישען די גרויסע בערג וואס זענין פיהל גרעסער פאר מיר, נור דאס קאנין מיר בודאי זאגן אז די פוסקים און די פוסקים זענין אללע דברי אלהים חיים, און ווער עס טהוט ווי דער איז גוט און ווער עס טהוט ווי דער טהוט אויך גוט:

(פד) **יעצט** וועלין מיר מבאר זיין דעם דין וואס איז מוסכם ביי רוב אחרונים ווי באלד מ'הערט ניט פון חזן ברכו נור פון ציבור זיי האבען גיזאגט ברוך ה' המבורך כו' זאל מ'זאגען מיט זיי ברוך ה' המבורך כו', אבער אז מ'האט נור גיהערט פון חזן אז ער ענטפערט נאך'ן קהל ברוך ה' כו' זאל מ'ניט זאגען ברוך ה' המבורך נור ענטפערין אמן, ווארין דר רב ש"ע אין סימן נ"ז סעי"ב זאגט אוך אזוי, און שרייבט אז אזוי איז דער עיקר, אז ניין מענשין האבן גיהערט פונ'ם ש"ץ ברכו און ענטפערין נאך איהם קאנין אנדערי אויך ענטפערין חאטש זיי האבין ניט גיהערט פונ'ם חזן ברכו, ווייל ס'איז דא צעהן וואס זאגען א דבר שבקדושה, און אזוי שרייבט דער סידור דרך החיים פאר'ן אלי' רבה סי' קל"ט. און אזוי איז די הלכה:

(פה) **ועתה** נבאר הדין בעזה״י האיך הדין בברהמ״ז אם עונין אמן אחר המברך שחוזר ועונה ברוך שאכלנו משלו ובטובו חיינו, הנה דין זה מבואר בהלבוש סוף סי׳ קצ״ח דשלשה או עשרה שאכלו כאחד לא תקנו להם לומר אמן אחר המברך שחוזר ועונה ברוך שאכלנו או בעשרה ברוך אלהינו וכו׳ כדי שיכינו לבם שלא יפסקו ויצטרפו עם ברכת הזימון, וכן פסק הפמ״ג בסי׳ קצ״ח במש״ז סק״א וז״ל, ולענין אמן המתבאר מדברי הלבוש דהמברך אין עונה אחריהם אמן כו׳ ולאחר שאומר המברך ברוך ג״כ אין עונים האוכלים עמו אחריו אמן כדי ליתן לב ולצרף ברכת הזן יעו״ש, והבא לשם כשהמברך אומר ברוך יענה ג״כ אמן עכ״ל הפמ״ג, ובא״ר סי׳ קצ״ח סק״ב כתב וז״ל באם עונה אחר המברך ברוך ומבורך שמו תמיד לעולם ועד תו לא צריך לענות אמן על העונים דהרי עניינו ברוך ומבורך הוא במקום ברוך שאכלנו של העונים ואם שכח ולא הוי אדעתי׳ כשאמר המזמן נברך ולא אמר ברוך ומבורך אזי, צריך שיענה אמן אחר העונים ואפשר דגם עונה אמן אחר שחוזר המברך ואומר ברוך שאכלנו דלא כטו״ז ע״כ הא״ר, כללו ש״ד הנכנס אצל המברכין בזימון או שהי׳ שם ולא אכל

---

(פה) **יעצט** וועלין מיר מבאר זיין בעז״ה דעם דין פון ברכת המזון אויב מ׳ברויך זאגין אמן נאך דעם מברך ווען ער ענטפערט ברוך שאכלנו משלו ובטובו חיינו, דער דין איז מבואר אין לבוש סוף סימן קצ״ח אז דריי אדער צעהן מענטשין האבין צוזאמען געגעסין זאל מען ניט זאגען אמן נאך׳ן מברך אז ער זאגט ברוך שאכלנו כו׳ אדער ברוך אלהינו כו׳ כדי זאלין אוים הערין און מכוין זיין צו דער ברכה פון מזמן און אזוי פסק׳נט דער פרי מגדים אין סימן קצ״ח אין משבצות זהב סעיף קטן א׳ מיט דעם לשון, אקאגין אמן איז מתבאר פון לבוש אז דער מברך זאל ניט ענטפערין אמן נאך די בנטשערס, און זיי זאלן אויך ניט ענטפערין אמן נאך איהם אז ער זאגט ברוך שאכלנו כו׳, כדי זיי זאלין צו הערין און מצרף זיין ברכת הזן, און אז מ׳קומט אריין ווען דר מברך זאגט ברוך כו׳ ברויך מען זאגען אמן, ביז אהער איז דער לשון פון פרי מגדים, און דער אלי׳ רבה סימן קצ״ח סעיף קטן ב׳ שרייבט מיט דעם לשון, ווי באלד מ׳ענטפערט נאך׳ן מברך ברוך ומבורך שמו תמיד לעולם ועד ברויך מען שוין ניט זאגען אמן נאך די וואס זיי ענטפערין ברוך שאכלנו כו׳ ווארין דאס איז דאך במקום ברוך שאכלנו כו׳ נור וויבלד מ׳האט פערגעסין צו זאגען ברוך כנ״ל דעמאלם ברויך מען זאגין אמן נאך די וואס ענטפערין ברוך, און ס׳קאן זיין אז מ׳ברויך זאגין אמן אויך נאכדעם ווי דער מזמן זאגט ברוך שאכלנו, ע״כ לשון הא״ר, דער כלל איז אז מ׳געהט אריין

אין

כלל כשהמברך אומר נברך שאכלנו משלו עונה ברוך ומבורך שמו תמיד לעולם ועד, ואם נכנס וכבר אמר המברך נברך ושמע רק מהעונים שאומרים ברוך שאכלנו משלו ובטובו חיינו עונה אחריהם אמן, וכן הדין אם המסובים יו״ד אומר ברוך אלהינו ומבורך שמו תמיד לעולם ועד ואם כבר אמר המברך עונה אמן, כן כתב בחיי אדם כלל מ״ח סי׳ י״ז כדבריי הלבוש והא״ר דלא כמט״ז סי׳ קצ״ח סעיף קטן א׳:

(פו) **הנה** באמירת ברכו דמוצש״ק מבואר בהרמ״א סי׳ רצ״ג סעיף ג׳ לאמרו באריכות נועם כדי להוסיף מחול על הקודש, וכתב ע״ז בשע״ת שם סעיף קטן ב׳ בד״ה וברכו באריכות נועם וז״ל וכתב בהלכות גדולות סוף הלכות ציצית ומבעי׳ לי׳ לאינש לאנודי [ר״ל להאריך ולהמשיך] בברוך ה׳ לעולם ועד באפוקי שבתא כי הכי דניתצל מהזיקא דהאי שבתא והביאו בברכי יוסף ושם כתב שראה מטהרת יד הקודש מהרח״ו בשם רבינו האי גאון ז״ל קבלה דמנסי שיש הצלחה כשמושך אדם ומאריך באומרו ברוך ה׳ המבורך לעולם ועד באפוקי שבתא עכ״ל השע״ת ע״כ יש ליזהר בזה מאד:

---

אין אַ שטוּב אוּן מ׳טְרֶעפְט בַּיי׳ם בֶּענְטְשִׁין, אָדֶער וֶוער ס׳איז גִיוֶועזִין אִי שְׁטוּב אוּן הָאט נִיט גִיגֶעסִין מִיט זֵיי, אַז דֶער מְזַמֵן זָאגְט נְבָרֵךְ עֶנְטְפֶערְט מֶען בָּרוּךְ וּמְבוֹרָךְ שְׁמוֹ תָּמִיד לְעוֹלָם וָעֶד, אַז וֶוען עֶהר אִיז אַרֵיין גִיקוּמֶען הָאט שׁוֹן דֶער מְזַמֵן גִיהַאט גֶעזָאגְט נְבָרֵךְ, נוּר עֶהר הָאט נָאר גִיהֶערְט אַז מ׳עֶנְטְפֶערְט בָּרוּךְ שֶׁאָכַלְנוּ מִשֶׁלוֹ וּבְטוּבוֹ חָיִינוּ עֶנְטְפֶערְט עֶהר נָאךְ זֵיי אָמֵן, אוּן אַזוֹי אִיז דֶער דִין אַז דִי מְסוּבִּים זֶענִין צֶעהֶן עֶנְטְפֶערְט עֶהר בָּרוּךְ אֱלֹהֵינוּ וּמְבוֹרָךְ שְׁמוֹ תָּמִיד לְעוֹלָם וָעֶד אַז דֶער מְזַמֵן הָאט אָבֶּער שׁוֹין גִיזָאגְט בָּרוּךְ כוּ׳ עֶנְטְפֶערְט עֶהר אָמֵן, אַזוֹי שְׁרַייבְּט דֶער חיי אדם כלל מ״ה סימן י״ז ווִי דֶער לבוש:

(פז) **בְּעִנְיַן** בָּרְכוּ פוּן מוֹצָאֵי שַׁבָּת קוֹדֶשׁ שְׁרַייבְּט דֶער רמ״א סימן רצ״ג סעיף ג׳ מ׳זָאל זָאגֶען בָּרְכוּ בַּאֲרִיכוּת נוֹעַם ד. ה. אַבִּיסִיל לֶענְגֶער אוּן מִיט אַ נִיגוּן כְּדֵי מוֹסִיף צוּ זַיין מֵחוֹל עַל הַקוֹדֶשׁ, שְׁרַייבְּט דָארְט דֶער שערי תשובה אִין סעיף קטן ב׳ מִיט דֶעם לָשׁוֹן דר הלכות גדולות סוף הִלְכוֹת צִיצִית שְׁרַייבְּט מ׳בְּרוּךְ צִיהֶען בַּיי בָּרוּךְ ה׳ הַמְבוֹרָךְ כוּ׳ מוֹצָאֵי שַׁבָּת כְּדֵי מ׳זָאל נִיצוֹל וֶוערִין פוּן שֶׁלֶעכְטֶס דִי וָואךְ, אוּן דר ברכי יוסף בְּרֶענְגְט אִיהם אוּן שְׁרַייבְּט דָארְט אַז עֶהר הָאט גִיזֶעהֶן פוּן הרב רח״ו פַארִ׳ן רַב הַאִי גָאוֹן ז״ל, ס׳אִיז בְּקַבָּלָה אוּן אוֹיס גִיפְּרִיבְט אַז ס׳אִיז מְסוּגָל צוּ הַצְלָחָה אַז מ׳דֶערְלֶענְגֶערְט בַּיי בָּרוּךְ ה׳ הַמְבוֹרָךְ ל״ו מוֹצָאֵי שַׁבָּת עכ״ל השערי תשובה, עַל כֵּן בְּרוּיךְ מֶען זֶעהְר נִזְהָר זַיין אִין דֶעם:

אז

(פז) **כשמסיים** יוצר המאורות קודם הש"ץ ושומע מאחרים שסיימו יוצר המאורות צריך לענות אמן מכל המסיימים שהוא שומע אחר שהוא כבר סיים יוצר המאורות:

(פח) **הגה** יש נוהגין שהש"ץ מסיים ברכת גאל ישראל בחשאי כדי שלא יביא את הצבור לידי ספק עניית אמן, הנה בש"ע יש ב' דעות לענין עניית אמן בסי' ק"א סעי"א, דהמחבר פוסק דלא יענה אמן משום סמיכת גאולה לתפלה והרמ"א פוסק שמותר לענות אמן על גאל ישראל וכתב שכן נוהגין, א"כ זה המנהג הוא דוקא שייך במקום שמתפללין כולם בפעם א' אבל במקום שמתפללין הרבה פעמים ומנין הב' ממתין להתפלל עוד פעם במנין בודאי אסור להש"ץ לסיים בלחש ברכת גאל ישראל כמ"ש לעיל בסי' כ"ז בשם ספר חסידים סי' רנ"ד שהאומר בלחש ברכות התורה ושאר ברכות הוא חוטא וגוזל את המקום שהרי לא נמצא מי שיענה אמן אא"כ הוא מרים קולו בברכה עכ"ל, ונמצא שגוזל להקב"ה את האמן וכמו שפירש רש"י ז"ל בברכות דף ל"ה על הגמרא דכל הנהנה מן העולם בלא ברכה נקרא גזלן ופירש רש"י שגוזל להקב"ה את ברכתו ובאן ג"כ

---

(פז) אַז מ'לָאזְט אוים יוֹצֵר הַמְאוֹרוֹת פַאר'ן חַזָן אוּן מ'הֶערְט פוּן אַנְדֶערֶע וֶוען זֵיי לָאזְן אוים יוֹצֵר הַמְאוֹרוֹת בְּרוֹיךְ מֶען עֶנְטְפֶערְן אָמֵן פוּן אַלֶע וָואס לָאזְן אוים יוֹצֵר הַמְאוֹרוֹת, וַוייל עֶהר אַלֵיין הָאט שׁוין אוים גִילָאזְט דִי וֶועלְכֶע בְּרָכָה:

(פח) אַזוֹי וִוי מ'פַארְהִין מְהַייל חַזָנִים וָואס וֶוענְן זִיךְ נוֹהֵג אוים צוּ לָאזְן גָאַל יִשְׂרָאֵל שְׁטִיל כְּדֵי קָהָל זָ"ל נִיט קוּמֶען צוּ אַסְפֵק אָמֵן, אִיז אַזוֹי אִין ש"ע סי' ק"א סעי"א אִיז דָא צְוֵויי דֵעוֹת וֶועגִין עֶנְטְפֶערִין דֶעם אמן, דֶער מְחַבֵּר פַּסְקִ'נְט אַז מ'זָאל נִיט עֶנְטְפֶערִין אָמֵן וַוייל מ'בְּרוֹיךְ סוֹמֵךְ זַיין גָאַל יִשְׂרָאֵל צוּ שְׁמוֹנֶה עֶשְׂרֵה, אוּן דֶער רמ"א פַּסְקִ'נְט אַז מ'מֶעג זָאגִין אמן נָאךְ גָאַל יִשְׂרָאֵל, אוּן עֶהר שְׁרֵייבְּט אַז אַזוֹי אִיז מֶען זִיךְ נוֹהֵג, קוּמְט אוים אַז דֶער מִנְהָג וָואס דִי חַזָנִים לָאזְן אוים שְׁטִיל גָאַל יִשְׂרָאֵל אִיז נוּר דָארְט וִוי אַלֶע דַאבִינֶען מִיט אַמָאהְל צוּ זַאמֶען, אָבֶער נִיט אַז מ'דַאבִינְט עֶטְלִיכֶע מָאהְל אוּן אֵיין מִנְיָן וַוארְט אוֹיפ'ן אַנְדֶערִין טָאהְר דֶער חזן נִיט אויסְלָאזְן שְׁטִיל גָאַל יִשְׂרָאֵל וִוי מִיר הָאבִין גִישְׁרִיבֶּען אוֹיבִין סימן כ"ז פַאר'ן ספר חסידים אַז מ'לָאזְט אוים שְׁטִיל אַ בְּרָכָה אִיז מֶען אַ חוֹטֵא אוּן מ'גַזְל'ת הַשי"ת דֶעם אמן וַוייל מ'קָאן נִיט עֶנְטְפֶערִין אמן סַיידִין מ'זָאגְט הוֹיךְ דִי בְּרָכָה, אוּן רש"י זָאגְט אוֹיךְ אִין ברכות דף ל"ה אוֹיף דִי גְמָרָא כָּל הַנֶהֱנֶה מִן הָעוֹלָם הַזֶה בְּלֹא בְּרָכָה וֶוערְט אָן גִירוּפִין גַזְלָן, זָאגְט רש"י עֶהר גַזְל'ת הקב"ה דִי בְּרָכָה, דָא גַזְל'ת עֶהר אוֹיךְ דִי הקב"ה דֶעם אָמֵן פוּן גָאַל יִשְׂרָאֵל

וִוי

גוזל להקב״ה את האמן של ברכת גאל ישראל כבספר חסידים הנ״ל ובפרט שהמנהג הזה לא נמצא בשום פוסק, ובאמת אין זה חשש כלל שמא יענה אחד אמן על ברכתו כיון שהרמ״א פוסק שמותר לענות אמן על ברכת גאל ישרא' וכתב שכן נוהגין, וכ״כ בלבוש ע״פ הקבלה הובא במג״א סק״ב, וכ״פ בש״ע הרב אדמו״ר סימ״ט סע״ט וסי׳ קי״א סע״א והוא מדברי הטור דמותר לענות אמן, ובפרט בזה בודאי הכל יודעים דברי המג״א מש״כ בזה בסי׳ ס״ו סעי״ק י״א דאם ירצה יוכל לכוין לסיים עם הש״ץ [בשוה] ואז אינו מחויב לענות אמן, וח״ו להנהיג המנהג הזה במקום שיש אנשים שעדיין לא התפללו דודאי אינו נכון לברך אז ברכת גאל ישראל בלחש ולגזול להקב״ה את האמן כבספר החסידים הנ״ל;

(פט) **זאת** גם כן צריך להודיע מה שכתב המחבר סוף סימן רי״ג סעיף ג׳ דאין אדם יוצא בשמיעת הברכה אפי׳ יענה אמן אלא א״כ שמעה מתחילתה ועד סופה ונתכוין לצאת בה ידי חובתו והמברך נתכוין ג״כ להוציאו ידי חובתו:

(צ) **צריך** לדקדק מאוד בהד׳ אמנים האלו, אחר השומר עמו ישראל לעד ובשבת אחר הפורס סוכת שלום, ואחר המחזיר שכינתו לציון

---

ווי אין ספר חסידים הנ״ל, ובפרט אז דער מנהג גיפונט זיך ניט אין קיין שום פוסק, באמת איז דאס גאר קיין חשש אז איינער וועט זאגין אמן נאך זיין ברכה, ווייל דער רמ״א פסק׳נט אז מ׳מעג ענטפערין אמן נאך גאל ישראל און שרייבט אז אזוי איז דער מנהג, און דער מגן אברהם סעיף קטן ב׳ ברענגט פארין לבוש על פי הקבלה, און אזוי פסק׳נט אויך דער רב ש״ע סימן קי״א סעיף א׳ ווי דער טור אז מ׳מעג ענפערין אמן, ובפרט אז אלע ווייסין וואס דער מגן אברהם שרייבט אויף דעם סוף סימן קי״א אז מ׳וויל קאן מען מכוין זיין אויס לאזין גלייך מיט׳ן חזן איז מען שוין ניט מחויב צו זאגין אמן, מ׳טאר ניט איין פירהרען דעם מנהג אויף אארט וואס ס׳איז פארהנין מענשין וואס האבין נאך ניט גידאווינט איז אוודאי ניט רעכט צו זאגין גאל ישראל שטיל און צו גזל׳ן הקב״ה אאמן ווי אין ספר חסידים הנ״ל:

(פט) **דאס** ברויך מען מודיע זיין וואס דער מחבר שרייבט סוף סי׳ רי״ג סעיף ג׳ אז מ׳איז ניט יוצא בלוים מיט׳ן הערין און זאגין אמן, סיידין מ׳הערט די גאנצע ברכה פון אנהויב ביז׳ן סוף און מ׳איז מכוין יוצא זיין זיין חיוב און דער מברך איז מכוין מוציא זיין דעם שומע:

(צ) **מען** ברויך זעהר מדקדק זיין ביי די פיער אמן׳ס, נאך השומר עמו ישראל לעד, און שבת נאך הפורס סוכת שלום וכו׳, נאך

ואחר מה״ המתי׳ ואחר ברכת גומל קודם שיענה מי שגמלך כל טוב שיענה קודם אמן על הברכה:

(צא) **אגב** אביא מש״כ המו״ז סי׳ תרכ״א ס״ק ב׳ מי שרוצה להזכיר את השם לא יאמר אדושם כי אין זה דרך כבוד של מעלה אלא יאמר השם עכ״ל:

(צב) **אגב** אודיע דבר נחוץ אשר כתב בס׳ הגן ליום כ״ג, היות ישו בני אדם שמתפללים במהירות ויאמרו על השם קריאתו בשוא תחת הד אֲדְנָי, ובודאי אין זה מן השם שהוא מורה על אדנות שהוא אדון הכל, רק צריך להדגיש החולם של אֲדֹנָי אז הוא מלשון אדון שהוא אדון עולם אבל אם יאמר אדם אֲדְנָי הלא היא אינה תיבה כלל, וע״כ אם יאמר אדם איזה ברכה ויאמר קריאת השם בלשון אֲדְנָי הלא אינה ברכה כלל כי כל ברכה שאין בה שם ומלכות אינה ברכה, וברכה כזו הלא היא בלי שם ואינה ברכה וגוזל להקב״ה וכאילו מעל בקדשי שמים, כי קודם הברכה הלא אמרו רז״ל דע״ז כתיב לד׳ הארץ ומלואה וגורם שחבירו יאמר אמן לבטלה, כי אם אינה ברכה אסור לומר אחרי׳ אמן, והוי כאמן יתומה:

(צג) **והנה** הנודע ביהודה מה״דוק סי׳ ב׳ כתב דבהשם הנכבד צריך לקרותו מלרע הנו״ן נקודה בתנועה גדולה וגת נראה, ומי שקורא את השם מלעיל הוא עצמו מלרע עכ״ל. ע״כ לפי זה צריכין ליזהר

---

המחזיר שכינתו לציון, נאך מחיה המתים, נאך ברכת הגומל איידער מ׳ענטפערט מי שגמלך כו׳ זאל מען פריער זאגען אמן אויף דער ברכה:

(צא) **דער** טו״ז סי׳ תרכ״א סעיף קטן ב׳ שרייבט ווער ס׳וויל מזכיר זיין דעם שם זאל ער נים זאגען אדושם, ווארין דאס איז נים קיין דרך כבוד אקיגין הימעל, נור ער ברויך זאגין השם עכ״ל:

(צב) **נאך** ווילין מיר מודיע זיין אנויטיגע זאך ס׳איז פארהאנין מענטשין וועלכע דאבינען גיך זאגען זיי דעם שם מיט א שוא אונטער׳ן ד׳ אד־ני און דאס איז גאר קיין שם נים, נור מען ברויך אויס דרוקין דעם חולם און זאגין אד־ני, הערשט איז דער מיינונג לשון האר, ווי אדון עולם דער האר פון דער וועלט, אבער אז מ׳זאגט אדן איז עם גאהר קיין ווארט נים, ע״כ אז מ׳זאגט א ברכה און מען זאגט אד־ני איז עם גאהר קיין ברכה נים, ווארין יעדער ברכה וואס האט נים קיין שם ומלכות איז קיין ברכה נים, און מען גזל׳ת השי״ת און מ׳איז מועל אין הייליגקייט, ווארין ס׳שטייט לד׳ הארץ ומלאה, זאגט די גמרא דאס מיינט מען פאר דער ברכה, און איז גורם אז מען זאגט נאך אמן לבטלה ווארין אז ס׳איז נים קיין ברכה טאהר מען קיין אמן נים זאגין ס׳הייסט אזוי ווי אמן יתומה:

גאך

להדגיש בהשם החולם שאחר הד׳ וגם הנו״ן לקרותה מלרע כדברי הנודע ביהודה וק״ל:

(צד) **אגב** נחוץ לנו להודיע עוד מענין זה שנשרש בין רוב אנשים השיבוש הגדול שאומרים הודו לַדֹנָי כי טוב, או הודו לַדֹנָי קראו בשמו, או שירו לַדֹנָי כל הארץ, או ויאמר כל העם אמן והלל לַדֹנָי, או לַדֹנָי הישועה או זמרו לַדֹנָי חסידיו וכדומה הרבה, וצריך לדקדק בזה מאוד לאמור הודו לאד־ני ולהדגיש האלף היטב כי בלא האלף הלא אינו שם כלל למי יאמר הודו ומי הוא דֹנָי אם יאמר במהירות הודו לַדֹנָי או אפי׳ אם יאמר עם החולם הודו לַד־נָי מי הוא הד־נָי בלא האלף ורק עם האלף הוא שם האדון השם צבאות ית״ש אבל בלי הא׳ אינה שם ולא תיבה כלל, ע״כ למעה״ש ולמע״ש צריכים הרבה לדקדק בזה לכל מי שיראת השי״ת נגע בלבבו

(צה) **גם** צריך כל איש אשר יראת השם ית׳ נוגע בלבבו לקיים מה שכתב בסידור האר״י ז״ל הובאו דבריו הקדושים בחיי אדם כלל ה׳ סימ א׳ וז״ל ויירא ויזדעזעו איבריו בשעה שמזכיר השם ולא שם המיוחד בלבד אלא כל השמות שאינם נמחקים המיוחדין לשמו הגדול ב״ה, גם הובא זאת

---

(צד) **נאָך** איז נויטיג מוֹדִיעַ צוּ זַיין פוּן דֶעם זֶעלְבִּין עִנְיָן וָואס ס׳איז אַיינְגִיוואָרְצִילְט בַּיי רוֹב מֶענְטְשִׁין אַ גְרוֹיסֶער גְרַייז, מ׳זָאגְט הוֹדוּ לַדֹנָי כִּי טוֹב, אָדֶער הוֹדוּ לַדֹנָי קִרְאוּ בִשְׁמוֹ, אוּן שִׁירוּ לַדֹנָי כָּל הָאָרֶץ, אוּן וַיֹּאמְרוּ כָל הָעָם אָמֵן וְהַלֵּל לַדֹנָי, אוּן לַדֹנָי הַיְשׁוּעָה וכו׳, אוּן זַמְּרוּ לַדֹנָי חֲסִידָיו וְכַדוֹמֶה פִיהֶל אַזֶעלְכֶע, אוּן מ׳בְּרוֹיךְ זֶעהְר מְדַקְדֵק זַיין אִין דֶעם אוּן זָאגֶען הוֹדוּ לַאד־נָי אוּן אַרוֹיס זָאגִין דִי אל״ף דֵייטְלִיךְ, וָוארִין אָהְן דֶער אל״ף אִיז עֶס דָאךְ גָאר קַיין שֵׁם נִיט, צוּ וֶועמִין זָאגְט מֶען הוֹדוּ, אוּן וֶוער אִיז דֹנָי אַז מ׳זָאגְט גִיךְ הוֹדוּ לַדֹנָי, אָדֶער אֲפִילוּ אַז מ׳זָאגְט מִיט אַ חוֹלָם הוֹדוּ לַדֹנָי, וֶוער אִיז דֹנָי אָהְן אַ אל״ף, נוּר מִיט אַ אל״ף אִיז עֶס דֶער נָאמִין פוּן הַשֵׁי״ת, אָבֶּער אָן דֶער אל״ף אִיז עֶס קֵיין שֵׁם נִיט אוּן אֲפִילוּ קֵיין וָוארְט נִיט, עַל כֵּן לְמַעַן הַשֵּׁם לְמַעה״ש בְּרוֹיךְ מֶען גוּט מְדַקְדֵק זַיין אִין דֶעם וֶוער ס׳הָאט נוּר אַ פִּינְק יִרְאַת שָׁמַיִם אִין הַארְצִין וּז״ל:

(צה) **אוֹיךְ** בְּרוֹיךְ יֶעדֶער מֶענְטְשׁ וָואס הָאט אַ פִּינְק יִרְאַת שָׁמַיִם אִין הַארְץ מְקַיֵּים זַיין וָואס דֶער הֵיילִיגֶער הָאר״י ז״ל שְׁרֵייבְּט, (אוּן ס׳וֶוערְט אוֹיךְ גִיבְּרַאכְט אִין חיי אדם כלל ה׳ סימן א׳) אוּן דָאס אִיז זַיין לָשׁוֹן, מ׳בְּרוֹיךְ מוֹרָא הָאבִּין אוּן אַלֶע אֵיבָרִים זָאלִין צִיטֶערִין וֶוען מ׳אִיז מַזְכִּיר דֶעם שֵׁם, נִיט בִּלְוִים דֶעם שֵׁם הַמְיוּחָד נוּר אֲפִילוּ אַלֶע שֵׁמוֹת וָועלְכֶע דֶער דִין אִיז אַז מ׳טָאר נִיט אָפּ מֶעקִין, וָועלְכֶע זֶענִין נוּר הַשֵׁי״ת נָאמִין, אוֹיךְ דֶער ספר יסוד ושורש העבודה דף י״ב אוּן בְּרֶענְגְט דָארְט

אמעשה

בספר יסוד ושורש העבודה דף י"ב ע"ב, ומביאים שם מענין זה מעשה גורא, וזה לשון הספר יוש"ה ובסידורי האר"י ז"ל כתב בהזכרות השם יזדעזע כל איבריו ומביא שם מעשה גורא על זה הענין וז"ל, המחבר זרע יצחק ז"ל אנגיד ושמע בב"ד של מעלה קול רעש גדול פנו מקום לצדיק אחד שנפטר וקבלוהו בכבוד גדול ונתנו לו ס"ת בזרועו ושאלוהו קיימת מש"כ בזה ואמר הן, קיימת מצוה ראשונה שהיא פריה ורבי' לא להנאתך אלא לשם שמים ואמר הן, ואמרו מי מעיד בך ובאו המלאכי' שנבראו מהמצות אשר עשה עד אין מספר והעידו בו, זה אומר נבראתי ממצו' זו וזה מזו וכן כולם, אח"כ הביאו לפניו ארבעה טורים ושאלוהו קיימת תורה שבע"פ ואמר הן, ומי מעיד ובאו המלאכים כנ"ל והעידו בו, שוב שאלוהו נזהרת מלהוציא שם שמים לבטלה וידום, חזרו ושאלו אשתיק ולא אמר להו ולא מידי, והכריזו אחר עדות, ובאו גדודי מלאכי חבלה לבושים ומתעטפי' שחורים והעידו בו, זה אומר נבראתי ביום פלוני כשהוציא אזכרות כך וכן בתפלה בלי כוונה, וזה אומר כך, ויקרעו שמלותם כל הבית דין של מעלה וגם אני

---

א מעשה גורא אויף דעם ענין וז"ל, דער מחבר פון ספר זרע יצחק איז שלאף געוועזן און איז פארחלש'ת געווארען, האט ער געהערט ביי'ם בית־דין של מעלה שרייען פנו מקום ד. ה. מאכט אפלאץ פיר א צדיק וואס איז נפטר געווארען, און מ'האט איהם מקבל געווען בכבוד גדול, און מ'האט איהם געגעבין א ספר תורה אין האנד אריין און מ'האט איהם געפרעגט האסט מקיים געוועזן וואס דא איז געשריבען? זאגט ער יו, האסט מקיים געווען די ערשטע מצוה [פו"ר] לשם שמים ניט פיר דיין הנאה וועגין? זאגט ער יו, פרעגט מען איהם ווער וועט עדות זאגין אויף דיר? זענין געקומען די מלאכים וועלכע זענין באשאפין געווארין פון די מצוות וואס ער האט געטוהן זעהר פיהל אהן א צאהל און האבין עדות געזאגט, דער זאגט איך בין באשאפין געווארען פון דער מצוה און דער פון דער מצוה און אזוי אלע, נאכדעם האט מען געבראכט פאר איהם דעם טור שלחן ערוך און מ'האט איהם געפרעגט האסט מקיים געווען תורה שבעל פה האט ער געזאגט יו, און ווער זאגט עדות, זענין געקומין מלאכים כנ"ל און האבען עדות געזאגט אויף איהם, האט מען איהם געפרעגט, ביסטו געווען אפ געהיטען ניט מזכיר זיין שם שמים לבטלה, האט ער געשוויגען, האט מען איהם נאך א מאהל געפרעגט, האט ער ווייטער ניט געענטפערט, האט מען אויס גערופען עדות, זענין געקומין גאנצע מחנות מלאכי חבלה אין שווארצין אן געטוהען דר האט געזאגט איך בין באשאפין געווארען דעם און דעם טאג או ער האט געזאגט ביי'ם דאבינין די שמות

קרעתי ואמרו טיפה סרוחה איך לא יראת כו׳ ונגמר דינו או לירד לגיהנם או יחזור ויבא בגלגול, ובחר בגיהנם מבגלגול עכ״ל. ומעשה זו הובא ג״כ בהחיי אדם כלל ה׳ סימן א׳ הנ״ל אות באות רק שלא הביא דהמעשה דאינגיד הנ״ל הי׳ אצל המחבר זרע יצחק ז״ל:

(צו) **אבל** על המעשה הנורא הזו יש לנו שני עדים כשרים ונאמנים איך שיש לדקדק לקיים דברי האר״י ז״ל שצריך כל איש להזדעזע כל אבריו בשעה שמזכיר את השם ית״ש ועל כל פנים יראה כל אדם לקיים דברי חז״ל ברייתא ערוכה ודין מפורש בתלמוד ובהרי״ף והרא״ש ז״ל, ולא יזרוק ברכה מפיו במס׳ ברכות דף מ״ז ע״א, ופי׳ רש״י ז״ל וז״ל, במהירות שדומה עליו כמשא אלא שחוק קבוע הוא לו עכ״ל, ובפירש״י על הרי״ף ז״ל שם פירש וז״ל, במהירות שדומה עליו כמשא לא שחובה עליו לאומרה והרא״ש שם פירש וז״ל, ולא יזרוק ברכה מפיו, פיר׳ שלא ימהר להוציא הברכה מפיו אלא יברך במתון ובכוונה עכ״ל:

(צז) **ועל** כ״פ כמה צריך האדם ליזהר שלא יוציא ש״ש לבטלה ח״ו והשומע מפי חבירו דמוציא ש״ש לבטלה חייב לנדותו, וכתב ר׳ ירוחם

---

אָהְן כַּוָּונָה, אוּן דֶער זָאגְט אַזוֹי, הָאט דֶער גַאנְצֶער בֵּית־דִין צוּרִיסֶען זַיְיעֶרִי קְלֵיידֶער אוּן אִיךְ הָאבּ אוֹיךְ צוּרִיסֶען מַיְינֶע קְלֵיידֶער אוּן מְ׳הָאט גִיזָאגְט טִיפָּה סְרוּחָה וִוי אַזוֹי הָאסְט נִיט קֵיין מוֹרָא וכו׳. אוּן סְ׳אִיז גִיעֶנְ־דִיגְט גִיוָוארֶען זַיין פְּסַק־דִין אָדֶער עֶהר זָאל גֶעהְן אִין גֵיהִנֹם אָדֶער צוּרִיק מְגוּלְגָל וֶוערִין, הָאט עֶהר בֶּעסֶר אוֹיס גִיקְלִיבֶּען גֵיהִנֹם אֵיידֶער גִלְגוּל ע״כ לְשׁוֹנוֹ, אוּן דִי מַעֲשֶׂה וֶוערְט אוֹיךְ גִיבְּרַאכְט אִין חיי אדם כלל ה׳ סימן א׳ הנ״ל אוֹר בְּאוֹת נוּר עֶהר בְּרֶענְגְט נִיט אַז דִי מַעֲשֶׂה אִיז גִיוֶועזִין בַּיי׳ם מחבר זרע יצחק ז״ל:

(צו) **אוּן** אוֹיף דִי פִירְכְטֶלִיכֶע מעשה הָאבֶּן מִיר צְווייא כָּשֵׁר׳ע בַּאגְלֵייבְּטֶע עֵדוּת וִוי מְ׳בְּרוּיךְ מְדַקְדֵק זַיין מְקַיֵּים זַיין דֶעם הֵיילִיגֶען הָאֲרִ״י כּו וֶוערְטֶער אַז יֶעדֶער מֶענְטְשׁ בְּרוּיךְ צִיטֶערִין מִיט אַלֶע אֵיבָרִים וֶוען עֶהר אִיז מַזְכִּיר דֶעם הֵיילִיגֶען נָאמִין פוּן הַשׁ״י עַל כָּל פָּנִים בְּרוּיךְ דֶר מֶענְטְשׁ זֶעהְן מְקַיֵים צוּ זַיין דִבְרֵי חז״ל פוּן דֶעם דִין מְפוֹרָשׁ אִין גמרא ברכות מ״ז אוּן ראשונים ז״ל, אַז מְ׳זָאל נִיט אַרוֹיס וַוארְפִין קֵיין בְּרָכָה פוּן מוֹיל, מַאכְט רש״י ז״ל מִיט דֶעם לָשׁוֹן, אוֹיף גִיךְ וָואס סְ׳אִיז גְלַייךְ אוֹיף אִיהְם וִוי אַ מַשָׂא וַוייל סְ׳אִיז אוֹיף אִיהְם אַחִיוּב, אוּן דֶר רא״ש זָאגְט דֶעם פְּשַׁט עֶהר זָאל נִיט מַאכִין דִי בְּרָכָה גִיךְ נוּר גִילַאסִין אוּן מִיט כַּוָּונָה עכ״ל:

(צז) **עַל** כָּל פָּנִים וִוי פִיהל בְּרוּיךְ דֶער מֶענְטְשׁ זַיין גִיהִיט עֶהר זָאל ח״ו אַרוֹיס רֵיידִין ג־ט׳ס נָאמִין לְבַטָּלָה, אוּן וֶוער סְ׳הֶערְט וִוי אֵיינֶער

הובא בחיי אדם כלל ה׳ סי׳ א׳ דאם מוציא שם שמים לבטלה אפי׳ בלשון לע״ז חייב לנדותו דהיינו גא–ט בלשון אשכנז ומכל שכן דאסור לכתוב באיגרת שם שמים בלשון אשכנז או בכל לשון ח״ו מטעם דאותן מכתבים נזרקים אח״כ בשוקים וברחובות באשפה ושם שמים מתבזה, וכ״פ אדם מקנח עצמו בהן ובדאי בזיון וקצף ור״ל מענשו של זה:

(צח) **ורבים** טועים שכותבים במכתבים שמו יתברך בלשון אשכנז או שכותבים תיבת אדי־ע והוא לשון צרפת „עם ה׳" או בא־ג בלשון פוליש והוא איסור גמור, יען כי לאחר זמן יתגלגל המכתב באשפה ודבר זה גורם עניות בישראל מה ששם שמים מצוי בבזיון גדול כזה ר״ל וצריכין התחכמות והתאמצות לבטל זאת, אורים ותומים סי׳ כ״ז, וכשרוצים להזכיר את השם יאמר תיבת השם ולא כמו שטועים ההמון ואומרים ארושם כי אין זה דרך כבוד של מעלה, טורי זהב סוף סי׳ תרכ״א;

(צט) **ותדע** אשר המקלל את חבירו או את עצמו בשם או בכנוי בכל לשון חייב מלקות אפי׳ באחד מהשמות שקורין הגוים לחקב״ה

---

זָאגְט אַדְוִים ש״ש לְבַטָּלָה אִיז עֶהר מְחוּיָב אִיהם מְנַדֶּה זַיין, שְׁרַייבְּט ר׳ ירוחם און דֶער חיי״א בְּרֶענְגְט אִיהם דָארְט אַז אֲפִילוּ אַז עֶהר זָאגְט אוֹיף זַשארְגוֹן דְהַיינוּ גָא–ט אִיז עֶהר אוֹיךְ מְחוּיָב אִיהם מְנַדֶּה זַיין, וּמִכָּל שֶׁכֵּן אַז מְ׳טָאר נִיט שְׁרַייבֶּען אִין אַבְּרִיעף גָא־ט אוֹיף זַ׳ארְגוֹן אָדֶער אַנְדֶערִי שְׁפְּרַאךְ, וַוייל דִי בְּרִיעף וֶוערִין נָאכְהֶער אַוֶועקְגִיוָוארְפִין אִין דִי גַאסִין און אוֹיף׳ן מִיסְט וֶוערְט שֵׁם שָׁמַיִם מִתְבַּזֶּה, און אוֹפְט מָאהל ווִישְׁט מֶען זִיךְ אוּנְטֶער מִיט זֵיי, וִוי גְרוֹיס אִיז דֶער בִּזָּיוֹן, ר״ל פוּן דֶעם עוֹנֶשׁ:

(צח) **און** פִיהל זֶענִין זִיךְ טוֹעֶה אִין דֶעם וָואס שְׁרַייבֶּען אִין דִי בְּרִיעף דֶעם הֵיילִיגֶען שֵׁם יִתְבָּרֵךְ, בִּלְשׁוֹן אַשְׁכְּנַז אָבֶּער זֵיי שְׁרַייבֶּען דָאס וָוארְט אַדְיֶע און דָאס אִיז אוֹיף פְרַנְצֶעזִישׁ מִיט גָאט, אָדֶער בָּאג, אִין פוֹילִישׁ, און דָאס אִיז אַגְרוֹיסֶער אִיסוּר, וַוייל נָאכְהֶער וַואלְגֶערְט עֶס זִיךְ אִין מִיסְט כנ״ל, און דָאס אִיז גוֹרֵם אָרִימְקֵייט בַּיי יוּדֶען וָואס שֵׁם שָׁמַיִם אִיז אַזוֹי בְּבִזָּיוֹן ר״ל, און מְ׳בְּרוֹיךְ גְרוֹיס מִיה און שְׁטַארְק אַרְבֵּייטִין דָאס אוּנְטֶער צוּ בְּרֶענְגִין, אַזוֹי שְׁרַייבְּט דֶער אורים ותומים סי׳ כ״ז, אַז מְ׳בְּרוֹיךְ מַזְכִּיר זַיין דֶעם שֵׁם, זָאל מֶען זָאגִין הַשֵּׁם, און נִיט וִוי דֶער הָמוֹן אִיז פַארְגְרַייזְט און זָאגְען אַדוֹשֶׁם, וָוארִין עֶס אִיז נִיט קֵיין דֶרֶךְ כָּבוֹד קֵייגִין הִימֶעל, טו״ז סוֹף סִימָן תרכ״א:

(צט) זַיי ווִיסֶען אַז אֵיינֶער שֶׁעלְט דֶעם צְווייטֶען אָדֶער זִיךְ זֶעלְבְּסְט מִיט׳ן שֵׁם אָדֶער אַנְדֶער לָשׁוֹן אִיז עֶהר חַיָּיב מַלְקוֹת אֲפִילוּ מִיט אֵיינֶעם פוּן דִי נֶעמִין וָואס דִי גוֹיִים רוּפִין צוּ הקב״ה קוּמְט אִיהם אוֹיךְ מַלְקוֹת

אזוי

לוקה, כמבואר בטור חו"מ סי' כ"ז סעיף א', ואם קלל לחברו בלא שם ובלא כנוי או היתה הקללה באה מכלל הדברים, כגון שאמר אל יהי פלוני ברוך לה' אינו לוקה אבל איסורא מיהא איכא, ובעוונותינו הרבים רוב המון עם אינם נזהרים בזה ואומרים בלשון אשכנז גאט זאל עהם שטראפין, ועוברין בזה על לאו של תורה שיש בו מלקות:

(ק) **בענין** הוגה את השם באותיותיו כתב המהרש"א במס' ע"ז דף י"ח ע"א ע"ד התוס' ד"ה הוגה וז"ל, שאין להזכיר אף אותיות י"ה היינו האותיות זה אחר זה אבל בקריאת התיבה ודאי דמותר יעו"ש:

**כתב** בספר דבש לפי דלומר יוד אי ה' ו' אי ה' מותר כיון דמפסיק בין האותיות שרי, במערכת ה' אות כ"ג ומערכת ע' אות י"ב:

(קא) **וכתב** בסידור האר"י ז"ל הנקרא בשם קול יעקב מהמקובל האלהי ר' יעקב קאפיל בעהמ"ס שערי גן עדן ז"ל בכוונת אמן דף ל"א ע"א וז"ל, בכתבי האר"י ז"ל מפליג בעונש השומע ברכה מפי חבירו ואינו עונה אחריו אמן וכת' שם אל"ף מ"ם נו"ן שהוא אמ"ן במלוי, אל"ף מתהפך לאפ"ל, והוא חושך שנותן כח להסט"א סוד החושך, וכתיב ארץ עיפתה כמו אופל עיפתה כפול ומכופל והוא מדור הז' של גיהנם שהוא

---

אַזוֹי וִוי דֶער טוּר שְׁרַייבְּט סי' כ"ז סעיף א', אוּן וִוי בַּאלְד עֶהְר שֶׁעלְט דֶעם חַבֵר אָהְן אַשֵׁם אָדֶער דִי קְלָלָה אִיז גִיוֶועזִין פוּן דִי רֵייד אַרוֹיס צב"ש עֶהְר זָאגְט זָאלְסְט נִיט זַיין גִיבֶּענְטְשְׁט צוּ ג' קוּמְט אִיהְם קֵיין מַלְקוֹת נִיט אָבֶּער אַאִיסוּר אִיז דָאךְ דָא, וּבַעֲוֹנוֹתֵינוּ הָרַבִּים דֶער הֲמוֹן זֶענִין נִיט נִזְהָר אִין דֶעם אוּן מְ'זָאגְט אִין זַ'ארְגוֹן גָאט זָאל עֶהם שְׁטְרָאפִין אוּן זֶענִין עוֹבֵר אוֹיף אַלַאו אִין, דֶער תּוֹרָה וָואס סְ'קוּמְט מַלְקוֹת:

(ק) **אִין** עִנְיָן אַז מְ'רֵייד אַרוֹיס דֶעם שֵׁם מִיט דִי אוֹתִיוֹת שְׁרַייבְּט דֶער מַהרש"א אִין גמרא ע"ז י"ח ע"א אוֹיף דֶעם תוספות דִיבּוּר הַמַתְחִיל הוגה וז"ל מְ'טָאר נִיט דֶערְמַאנִין אֲפִילוּ דִי אוֹתִיוֹת י"ה, אָבֶּער לֵייֶענִין גְלַייךְ דָאס וָוארְט מֶעג מֶען עיין שם:

(קא) **אִין** סִידוּר הָאר"י ז"ל וָואס וֶוערְט גִירוּפִין „קול יעקב" פוּן מְקוּבָּל הר' ר' יעקב קאפיל ז"ל, אִין כַּוָנוֹת אמן דף ל"א שְׁטֵייט מִיט דֶעם לָשׁוֹן, אִין כִּתְבֵי האר"י ז"ל אִיז עֶהְר שְׁטַארְק מַפְלִיג אִין עוֹנֶשׁ פוּן דֶעם וָואס הֶערְט אַבְּרָכָה פוּנְ'ם חַבֵר אוּן זָאגְט נִיט נָאךְ אָמֵן, עֶהְר שְׁרַייבְּט דָארְט אל"ף מ"ם נו"ן דָאס אִיז אמן, אל"ף וֶוערְט אִיבֶּער גִיקֶערְט אוֹיף אפ"ל, ד. ה. פִינְסְטֶער אוּן דָאס אִיז חשֶׁךְ עֶהר גִיט כֹּחַ דִי סטרא אַחֲרָא וָואס הֵייסְט חשֶׁךְ, אוּן סְ'שְׁטֵייט אֶרֶץ עֵיפָתָה כְּמוֹ אֹפֶל, אַ דָאפִּילְט פִינְסְטֶערְנִישׁ אוּן דָאס אִיז דֶער זִיבֶּעטֶער מָדוֹר פוּן גֵיהִנֹם וָואס אִיז טָאפִּילְט

פינסטער

כפול כמבואר בזוהר, ונוקבא דסמא״ל ממונה על אותן האנשים, ונרמזים בפסוק אכלה ומחתה פיה ואמרה ל״א פ׳עלתי א׳ון ר״ת אפל, מ״ם נו״ן בגימט׳ קלון, כי כל מי שאינו עונה אמן עונשו אפ״ל וקלו״ן, וז״ש הכתוב מלא פניהם קלון ויבקשו שמך ה׳, מל״א פניה״ם קלו״ן ס״ת אמן, ואומר מל״א אותיות א״ם לפי שעשה עצמו כאלם, ולא ישמע לקול הברכה ולעניית אמ״ן אז פניה״ם עה״כ בגימ׳ קלו״ן, ואם כן פניה״ם קלו״ן הוא כפל דאיהו ארץ עיפתה כמו אופל חשך כפול, לפי שע״י כוונת אמן גורם להשפיע אור גדול בפניהם של זו״נ, וזה מונע האור וגורם כביכול חשך בפנים של מעלה, לכן מדה כנגד מדה מל״א פניה״ם קלו״ן, כי פניהם בגי׳ קפ״ה וב׳ פנים הם ב׳ פעמים קפ״ה בגי׳ ש״ע, סוד ש״ע נהורין המאירים בפנים של מעלה, וזה מונע זה האור, ולכן מלא פניהם קלון עד שיחזרו בתשובה ויבקשו שמך ה׳ שמך אדנ״י, ה׳ הוי״ת גימט׳ אמן, עכלה״ק:

(קב) **וכתב** עוד שם עמוד ב׳ וז״ל ובאות אלף של אמן מבואר שם [בזוהר] שצריך להאריך בו, ובספרו שערי גן עדן בשער האותיות באות א׳ בסוד אמונה ואמן בריש דרך ד׳ מאריך יותר בזה וז״ל שם, והנה עתה עת דודים לגלות לך הסוד מ״ש רב מתיבתא [בזוה״ק פ׳

---

פינסטער ווי ס׳שטייט אין זוהר און דער שר איז ממונה אויף די מענטשין און ס׳איז מרומז אָכְלָה וּמָחֲתָה פִיהָ וְאָמְרָה ל״א פָּעַלְתִּי אָוֶן איז ראשי תיבות א׳פ׳ל, די מ״ם נו״ן פון אמן איז בגימטריא קלון, שאנד, ווער ס׳ענטפערט נישט קיין אמן, איז זיין עונש אפ״ל וקלו״ן, פינסטער און שאנד, דאס איז מרמז דער פסוק מַלֵּא פְנֵיהֶם קָלוֹן וִיבַקְשׁוּ שִׁמְךָ ה׳, מל״א פניה״ם קלו״ן איז סופי תיבות א׳מ׳ן, און מל״א איז אותיות אל״ם א שטומער, ווייל ער האט זיך געמאכט ווי א שטומער און האט נישט צו געהערט צו דער בְּרָכָה און נאך זאגן אָמֵן, פניה״ם מיט׳ן כולל באטרעפט קלו״ן, שטייט פניה״ם און קלו״ן מאפיל, דאס איז אֶרֶץ עֵיפָתָה כְּמוֹ אופל א טאפּעלער פינסטערקייט, ווייל דורך כַּוָּנַת אמן איז מען גורם צו משפיע זיין אגרויסען אור אין אלע עולמות, און דער וואס זאגט נישט קיין אמן איז גורם א חושך ח״ו, איבער דעם איז רעכט מַלֵּא פְנֵיהֶם קָלוֹן ביז זיי וועלין תשובה טהון וִיבַקְשׁוּ שִׁמְךָ ה׳, ה׳ באטרעפט אויך אָמֵן, עכ״ל הקודיש:

(קב) **און** שרייבט דארט עמוד ב׳ מיט דעם לשון אין אות אל״ף פון אמן איז מבואר דארט אין זוהר הק׳ אז מ׳ברויך מאריך זיין אין איהם, און אין זיין ספר שערי גן עדן אין שער האותיות אות א׳ סוד אמונה ואמן אין אנהויב דרך ד׳ שמועסט ער דארט מער ארום וז״ל און יעצט איז די רעכטע צייט דיר מגלה צו זיין דעם סוד וואס ס׳שטייט [אין

שלח] וז"ל מאן דקצר יתקצר מאן דקצר יתארך, ופי' שם מאן דקצר אות א' של אמן ולא מאריך בו יתקצרו ימיו, מאן דקצר אות א' דאחד יתארכו ימיו עכ"ל השערי גן עדן, וכתב שם סוד גדול בזה מה שצריך להאריך בהאלף של אמן יעו"ש:

(קג) **שוב** הראה לי ידיד נפשי הארזי"ם שיחי' בסידור האריז"ל להר' שבתי ראשקובער זצ"ל בכונת אמן וז"ל וכשעונ' אמן לא יאמר במהירות והלעטה כי אז נאמר הבשר עודנו בין שיניהם ומצוה להאריך באלף של אמן עכ"ל:

(קד) **ולענין** אם עונין אמן אחר לעסוק בדברי תורה קודם והערב נא, הטו"ז בסי' מ"ז סוף סעי"ק ד' מסיק וז"ל, ומהר"י לוריא כתב שי"ל אמן אחר ברכת לעסוק בדברי תורה, וכ"כ המג"א שם סעי' קטן ה' ומשמע דמסכימים הם להאר"י ז"ל בזה דלא מעוררים ע"ז מאומה, וכ"פ הרב אדמו"ר הזקן בש"ע שלו שם ומציין שם בהמ"מ האר"י ומג"א, דזהו להדיא דהמג"א מסכים להאר"י ז"ל, ולפי"ז גם הטו"ז מסכים לזה אשר הוא

---

זוהר הק' פ' שלח] וז"ל װער ס'איז מַקַצֵר װעט קורץ װערן, װער ס'איז מַקַצֵר װעט דערלענגערט װערן, און איז דָארט מְפָרֵש, װער ס'איז מְקַצֵר אין די אל"ף פון אמן װעלין פֶערקורצט װערן זַיינֶע יָאהרין, און װער ס'איז מַקַצֵר אין די אל"ף פון אחד װעלין דערלענגערט װערין זַיינֶע יָאהרין בִּיז אַהער איז דָאס לָשון פון שערי גן עדן און עֶהר שְׁרַייבּט דָארט אַ גְרויסֶען סוד און דֶעם װָאס מ'בְּרויך מַאֲרִיךְ זַיין בַּיי די אַלֶ"ף פון אָמֵן עיין שם:

(קג) **װייטער** הָאט מִיר גִיװיזען ידידי הארזי"ם אין סִידור האר"י ז"ל פון הר' שבתי ראשקובער זצ"ל, אין די כַּוָנות פון אמן מִיט דֶעם לָשון, אַז מ'ענְפֶערט אָמֵן זָאל מֶען נִיט זָאגִין גִיךְ און אײַינשְׁלִינגֶען עֶהם, װָארין אויף דֶעם זָאגְט דֶער פָּסוק הַבָּשָׂר עוֹדֶנוּ בֵּין שִׁינֵיהֶם, און ס'איז אַ מִצְוָה מַאֲרִיךְ צו זַיין אין דֶער אל"ף פון אמן עכ"ל:

(קד) **און** אויב מ'דַארף עֶנְפֶערין אָמֵן נָאךְ לַעֲסוק בְּדִבְרֵי תּוֹרָה פַאר הַעֲרֶב נָא, דֶער טורי זהב סימן מ"ז סוף סעיף קטן ד' פִיהרט אוים מִיט דֶעם לָשון, דֶער אר"י לוריא שְׁרַייבּט אַז מ'בְּרויךְ זָאגִין אמן נָאךְ לַעֲסוק בְּדִבְרֵי תּוֹרָה, און אַזוי שְׁרַייבּט דָארט דֶער מגן אברהם סעיף קטן ה', װייזט אוים אַז זֶענִין מַסְכִּים צום האר"י ז"ל אִין דֶעם, אויךְ דֶער רב ש"ע פַּסְקִנ'ט אויךְ אַזוי, און בְּרֶענְגְט פַארִ'ן האר"י און מג"א זֶעהְן מִיר מְפוֹרָשׁ אַז דֶער מג"א איז מַסְכִּים צום אר"י ז"ל, און מִיר זֶעהְן אַז דֶער טו"ז איז אויךְ מַסְכִּים צום אר"י װָארין עֶהר בְּרֶענְגְט זַיינֶע רֵייד

ג״כ סתם דבריו בסופו בשם האר״י ז״ל כמו המג״א וגם הגאון יעב״ץ בסידור סתם דבריו כן וז״ל, אחר סיום ברכה זו [של לעסוק בדברי תורה] עונה השומע אמן, וכ״פ בשלחן שלמה סי׳ מ״ז ויש לענות אמן על סיום לעסוק בדברי תורה, וא״כ אף שהפרמ״ג כתב בהמש״ז סי׳ מ״ז סק״ד דאין לענות אמן על ברכת לעסוק בד״ת וכ״כ בדה״ח משום דהוי ספקא מ״מ אין הספק שלהם מוציא מידי ודאי של מרן הגאון הקדוש האר״י ז״ל שפסק דוודאי שתי ברכות הן כמבואר במג״א סק״ה דס״ל להאר״י דברכת והערב נא היא ברכה בפני עצמה היא בודאי ולא ספק וכיון שהמג״א והט״ז ואדמו״ר הזקן ז״ל בהש״ע שלו והגאון יעב״ץ והשלחן שלמה הם מסכימים לדברי האר״י ז״ל לענות אמן על ברכת לעסוק בדברי תורה בודאי נוכל לסמוך עליהם ולענות אמן על ברכה זו, ולא לאמרה בלחש כדעת הדה״ח מטעם הספק הנ״ל רק לאומרה בקול כדי לענות אמן כדעת מרן הגאון הקדוש האריז״ל וכל הגדולי׳ הנ״ל דודאי שתי ברכות נינהו וממילא חיוב הוא לענות אמן על ברכת לעסוק בד״ת, והכי נקטינן וכ״פ בערוך השלחן דעונין:

---

סתם, אויך דער גאון יעב״ץ אין זיין סידור ברענגט אויך סתם וז״ל נאך דעם אוים לאז [פון לעסוק בדברי תורה] ווער ס׳הערט ברויך נאך זאגין אמן, און אזוי פסק׳נט דער שלחן שלמה סי׳ מ״ז מיט דעם לשון מ׳ברויך ענטפערין אמן נאך לעסוק בדברי תורה אם כן דאמש דער פרי מגדים שרייבט אין משבצות זהב סימן מ״ז סעיף קטן ד׳ אז מ׳זאל נים זאגין אמן אויף לעסוק בדברי תורה, און אזוי אויך שרייבט דער דרך החיים ווייל ס׳איז א ספק. פון דעסטוועגין איז א ספק נים מוציא פון א ודאי וואס דער אר״י הקדוש פסק׳נט אז ס׳איז צוויי ברכות ווי ס׳שטיים ארוים אין מגן אברהם סעיף קטן ה׳ אז דער אר״י הק׳ האלט אז והערב נא איז א באזונדערי ברכה בודאי, אין אז דער מג״א און ט״ז און רב ש״ע און ר׳ יעב״ץ און שלחן שלמה זענין אלע מסכים צום אר״י ז״ל צו זאגין אמן נאך לעסוק בדברי תורה, קאנין מיר זיך בוודאי סומך זיין אויף זיי און ענטפרין אמן אויף די ברכה, נים זאגין שטיל ווי דעם דרך החיים׳ס ספק מטעם הנ״ל, נור זיי זאגין הויך כדי מ׳זאל קאנין נאך זאגין אמן ווי די אלע גדולים הנ״ל אז ס׳איז א וודאי. צוויי ברכות ממילא איז מען מחויב נאך צו זאגין אמן, און אזוי איז די הלכה:

---

ועתה באתי להעתיק מעניני אמן מס׳ דמשק אליעזר באות אמן וז״ל:

א) **ידוע** כמה הפליגו בזוה״ק בגודל ועוצם שכר מי שהוא שומר אמונים שיושב ומצפה מתי יבא לידו לשמוע ברכה כדי לענות אמן, ומאחר דכתיב אל תמנע טוב מבעליו בהיות לאל ידך לעשות, על כן מה מאד צריך אדם ליזהר לומר הברכות בקול רם ואם יש אנשים שחפצים לענות אל ימנע טוב מהם ולו תהי׳ צדקה ובכלל מזכה את הרבים יחשב כדי שיענו אמן ולפי גודל המצוה יגדל שכר המזכה, ומזה תבין שאין עושה טוב מי שנתאחר לקום ובא לביהכנ״ס וכסופא לי׳ מילתא להראות לכל שעכשיו קם מהמטה ומה עושה אומר הברכות בלחש בינו לבין עצמו וכבר ידוע שהמברך בינו לבין עצמו אין לו שכר העשרה זהובים [כמו שהבאתי למעלה אות מ״ג] וכי אדם מתיירא מן בני אדם יותר מן השי״ת חלילה לך לעשות כן אלא תברך ברכותיך בקול רם ובשמחה ובטוב] לבב:

ב) **יבוין** כי אמן בגימט׳ מלאך וכן יש למעלה ש״ע נהורין דמאירין בש״ע

---

יעצט וועלין מיר מעתיק זיין דעם ענין אמן פון ספר דמשק אליעזר אות אמן, און דאס איז זיין לשון:

א) **עס** איז באוואוסט ווי ווייט דער זוהר הקדוש איז מפליג דם גרויסין שכר פון דעם וואס היט נאך צו זאגען אמן, און ער זוכט און האפט ווי ועט ער שוין הערין א ברכה ער זאל קאנין ענטפערין אמן, און ווייל ס׳שטייט אל תמנע טוב כו׳ ד. ה. אז מ׳קאן יענים טהון א טובה איז מען מחויב צו טהון, על כן איז דער מענטש מחויב נזהר זיין זאגען אלע ברכות בקול רם, הויך, און וויבאלד ס׳איז דא מענטשין וואס ווילען ענטפערין אמן טאר מען ניט פערמיידין דעם גוט׳ס פון זיי און פאר איהם וועדט עס גירעכינט פאר א צדקה, און ער איז גירעכינט אין כלל פון מזכה הרבים זיי זאלין ענטפערין אמן, און לויט דעם גרויסקייט פון דר מצוה איז גרויס דער שכר פון מזכה, און פון דם קאן מען פארשטעה׳ן אז מ׳איז שפעט אויפגישטאנין און ס׳איז איהם א בושה אז מ׳זאל זעהן אז ער איז הערשט אויף גישטאנין, טהוט ער ניט גוט וואס ער זאגט אפ די ברכות שטיל פאר זיך, און דאס איז ידוע אז מ׳מאכט די ברכה פאר זיך האט מען ניט דעם שכר פון צעהן גולדין [ווי מיר האבין אויבין גיבראכט אות מ״ג פד׳ן ש״ך סו״ם שפ״ב]ע״כ ווי אזוי האט א מענטש פאר מענטשין מעהר מורא ווי פאר השי״ת, ברוך מען זעהן צו מאכען די ברכות מיט אהויך קול און מיט שמחה און אפרייליך הארץ:

ב) **מ׳זאל** מכוין זיין אז אמן באטרעפט מלא״ך און אזוי איז פארהאנין אין הימעל דרייהונדערט זיבציג ליכטיגקייטין וואס לייכטען

אין

עולמות, וכל העונה אמן בכוונה זוכה לש״ע נהורין דמאירין בש״ע עולמות, ולהיפוך ח״ו מקדימין לנשמתו ש״ע קליפות ומוליכין אותו לחדרי גיהנום של חושך ועל זה אמר הנביא ע״ש יאכלם:

ג) **אף** דמי שעוסק בתורה פטור מלענות אמן שהעוסק במצוה פטור מן המצוה מ״מ מדת חסידות היא שיפסיק ויענה, אבל בחזרת התפלה אפי׳ ללמוד אסור באותו העת [כמו שהבאתי לעיל אות ל״ג בספרי זה ואפי׳ תהלים ותחנונים אסור לומר בשעת חזרת הש״ץ] ובפרט אם אין שם אלא מנין מצומצם דאז הוא גורם שהש״ץ מברך ברכות לבטלה ווזייב מדיני דגמי אשר עבירה גדולה היא [וכמו שהבאתי לעיל אות כ״ז]:

ד) **כל** האומר צ׳ פעמים אמן בכל יום אין המכשפות יכולות להזיק לו, כך שמעה אשה אחת מהשדה ברוש״א ששלחות חברותי׳ ליקח הילד החי והיתה היא ישנה והשיבה הברו״שא שאינה יכולה לקחתו, שאמו ענתה צ׳ פעמים אמן היום ונתעוררה האש׳ ושמעה הדיבורים האלה, מדבר קדמות להר׳ חיד״א ז״ל במערכת א׳ אות ל״ג:

---

אין דְרַיי הונדערט זיבּציג וועלטין, און ווער ס׳ענטפערט אמן מיט כַּוָונָה איז עֶהר זוכה צו די דְרַיי הונדערט זיבּציג ליכטיגקייט וואס לייכטין אין ש״ע עולמות, און ח״ו פערקעהרט, נאך זיין פּטירה געהן איהם אַקעגין ש״ע קליפות און פיהרען איהם אין חדרי גיהנם פון חשך, און אויף דעם זאגט דער נביא ע״ש יאכלם ד. ה.

ג) **האמש** אז דער וואס לערינט תורה איז פּטור פון אמן צו ענטפערין ווייל אז מ׳איז עוסק אין איין מצוה איז מען פּטור פון אַאַנ־ דערי מצוה, אָבער מדת חסידות איז עהר זאל מפסיק זיין און ענטפערין אמן, אָבער ביי חזרת הש״ץ טאהר מען אפילו ניט לערנין [ווי מיר האבען גיבּראכט אויבין אות ל״ג] בּפרט ווײַבאלד ס׳איז ניט דא נור אַמנין מצו־ מצם, ווײַבאלד אז עהר ענפערט ניט אמן איז עהר גורם אז דער חזן זאגט די ברכות לבטלה און ס׳איז אַגרויסע עבירה [ווי אויבין אות כ״ז]:

ד) **ווער** ס׳זאגט ניינציג מאהל אמן יעדין טאג קאנין די מכשפות איהם ניט מזיק זיין, אזוי האט אַאשה גיהערט פון די שדה ברוש״א ווען די חברתית האבין איהר געשיקט צו נעמין איהר קינד ווען זי איז גישלאפען האט זי זיך איבער גיוועקט און האט גיהערט ווי די ברוש״א האט גיענטפערט צו איהרע חברתות אז זי קאן ניט שולט זיין אין דעם קינד ווייל די מוטער האט היינט גיזאגט ניינציג מאהל אמן, הרב הקדוש חיד״א ז״ל אין ספר מדבר קדמות מערכת א׳ אות ל״ז:

ה) **כל** שבא לביהכנ"ס ומצא דכבר ענו הציבור איש"ר כל שלא השלימו העני' זו מצטרף לענות עמהם אבל אינו עונה אמן דלעיל רק יהא שמי' רבא, שיורי טהרה מערכת הע' אות מ"ח:

ו) **מי** שבירך ברכת המוציא וקודם שיאכל שמע מאחר שבירך ג"כ ברכת המוציא וענה אמן אם הוי הפסק הנה הברכי יוסף סי' קס"ח סעיף קטן ד' הביא משם הרב פנים מאירות ח"ב סימן ה' דהוי הפסק ומפשט הלשון נראה דצריך לחזור ולברך המוצי' כדין שח בין הברכה לדבר שמברך עליו. [וזה דלא כמו שכתבתי בספרי בנין יהושע בשם .שו"ת בנין עולם דמותר לענות אמן בין המוציא לאכילה על ברכת המוציא ששמע אז מחבירו יעו"ש, שהרי הרב פנים מאירות פסק לאיסור וכן הסכים הברכ"י לאיסור] וכיון שהוא ספק ברכה לבטלה כמ"ש דצריך לחזור ולברך, נראה דודאי אין לענות אז אמן אפי' על ברכת המוציא של חבירו:

ז) **כתב** בס' זכירה ד"ה המבטל איש"ר אפי' פ"א דוחין אותו מ' יום ממחיצתו של הקב"ה והוא חוטא ומחטיא, משם רבינו האריז"ל ע"ש, והשומע

---

ה) **אז** ער איז געקומען אין שוהל און האט געטראפען דאס ציבור ענפערט אמן יהא שמי' רבא מעג ער מיט זיי מיט זאגן יהא שמי' רבא, אבער אמן פון פריער טאהר מען ניט זאגען, שיורי טהרה מערכת ע' אות מ"ח:

ו) **אז** איינער האט געמאכט א מוציא און איידער ער האט טועם געוועזן האט ער געהערט פון אן אנדערן ברכת המוציא און האט געענפערט אמן אויב דאס הייסט א הפסק, דער ברכי יוסף סימן קס"ח סעיף קטן ד' ברענגט פאר'ן פנים מאירות ח"ב סימן ה', אז דאס הייסט א הפסק, און פון זיין לשון ווייזט אויס אז מ'ברויב נאך א מאהל מאכין א מוציא ווי דער דין הפסק איז. [ניט ווי מיר האבין געשריבין אין ספר בנין יהושע פאר'ן שו"ת בנין עולם אז מ'מעג יו ענפערן אמן צווישען המוציא אין עסין אז מ'הערט פון חבר אוים לאזין ברכת המוציא, ווייל דער פנים מאירות פסק'נט אז מ'טאר ניט, און אזוי איז מסכים דער ברכי יוסף לאיסור און ווייל ס'איז א ספק ברכה לבטלה ווי מיר האבין געשריבין אז ס'ווייזט אוים אז מ'ברויך נאך א מאהל מאכין א מוציא, ווייזט אוים אוודאי אז מ'טאר ניט ענפערן אמן אויף'ן חבר'ס המוציא]:

ז) **דער** ספר זכירה שרייבט אז מ'איז מבטל אפילו איין מאהל אמן יש"ר, איז מען איהם מדחה פון השי"ת'ס מחיצה פערציג טאג און ער איז א חוטא ומחטיא ער ברענגט דאס פאר'ן האר"י הקדוש, און ווער ס'הערט דאס ברויכען אין איהם ציטערין אלע ביינער אפילו

עהר

זה כל עצמותיו יאחזמו רעד אפי' שתק ולא ענה וכ"ש כשמדבר עם חבירו דהיצה"ר נפיש חילי' לפתות בני אדם שידברו זה עם זה כדי שלא ישמעו הקדיש ולא יענו ומקבלים עונשם בלתי שום הנאה כלל מהעבירה רח"ל, רוח חיים סי' נ"ו, וכש"כ אותם הבורחים מביהכ"נ כתינוק הבורח מן הספר קודם קדיש וברכו, ואפי' אם יש לו איזה מיחוש או כאב או שבאו צינים ופחים ר"ל, ביודעו אלו הדברים צריך שידחוק עצמו עוד מעט כדי שלא לאבד טובה הרבה, ולפום צערא אגרא, ובזכות זה ישלח לו השם יתברך רפואה שלמה במהרה:

ח) **העונה** אמן בכל כחו זוכה למעלה רמה ככתוב בישעי' ל"ג הו"א מרומי"ם ישכו"ן ס"ת אמן, דע"י שעונה אמן בכל כחו יזכה לשכון מרומים בג"ע העליון וכמ"ש בסנהדרין דף ק"י ע"ב קטן מאימתי בא לעוה"ב משיאמר אמן שנא' פתחו שערים ויבא גוי צדיק שומר אמונים א"ת אמונים אלא שאומרים אמנים, היינו נמי שאומר אמן בקול ובכל כחו, כי שומ"ר אמוני"ם ס"ת רם דע"י שאומר אמן בקול רם פותחין לו

---

עהר האט געשוויגען און ניט געענטפערט, מכל שכן אז עהר רייד מיט'ן חבר, אין דער צייט, ווארין דער יצר הרע האט א גרויסען כח אזוי צו רייזין מענטשין זיי זאלען ריידין מיט אנאנד כדי זיי זאלן ניט הערן דעם קדיש און נאך זאגען אמן, און זענין מקבל זייער עונש אהן שום הנאה פון דער עבירה ר"ל, רוח חיים סימן נ"ו, אכל שכן די וואס לויפען פון שוהל ווי א קינד אנטלויפט פון חדר פאר קדיש און ברכו, אפילו עהר האט א מיחוש אדער א ווייטיג אדער ס'איז קאלט ר"ל, און אז מ'וועט וויסען די רייד ברויך מען זיך א ביסיל נייטין כדי מ'זאל ניט אהן ווערין אזוי א גרוסין שכר און ווי דער תנא זאגט אין אבות לפום צערא אגרא ד"ה ווי גרוים ס'איז דער צער גרעסער איז דער שכר, אין דעם זכות וועט איהם השי"ת שיקען א רפואה שלמה במהרה:

ח) ווער ס'ענטפערט אמן מיט'ן גאנצין כח איז זוכה צו א הויכע מעלה, ווי ס'שטייט אין ישעיה קפיטל ל"ג הו"א מרומי"ם ישכו"ן סופי תיבות אמן, דורך דעם וואס עהר ענטפערט מיט'ן גאנצין כח וועט עהר זוכה זיין צו א גרויסע מעלה אין גן עדן, און ווי די גמרא זאגט אין סנהד־רין דף ק"י ע"ב, א קינד פון ווען איז עהר זוכה צו עולם הבא אז עהר הויבט אהן זאגין אמן ס'שטייט אין פסוק פתחו שערים ויבא גוי צדיק שומר אמונים אל תקרי אמונים אלא אמנים ד"ה עפינט די טויערין פון גן עדן ס'זאלן קומין די וואס היטן צו זאגין אמן, מיינט מען אויך אז מ'זאגט אמן הויך בקול רם און מיט'ן גאנצין כח, ווארין שומ"ר אמוני"ם איז סופי

שערי ג"ע העליון, יפה ללב ח"ה סי' נ"ו, אך בתנאי שלא ירים קולו יותר מן המברך כמ"ש מרן סוף סי' קכ"ד, וע"כ מצוה על הש"ץ לסיים הברכה בקול, שלא יכשלו בני אדם לענות בקול יותר מהם והם יהיו הגרמא בנזיקין חס ושלום:

ט) **איתא** בזוה"ק פ' וילך דף רפ"ה ע"א א"ר יהודה ובווי יקלו מאן דלא ידע לאוקיר למארי' ולא אתכוין באמן דתנינן גדול העונה אמן יותר מן המברך, ופיר' שם בגליון בשם הרמ"ז ז"ל שבודאי אין הפ' ובווי יקלו מדבר ברשעים גמורי' שאינם עונים כלל כי לא דברה תורה במתים, שאצלם לא יהי' להם די לעונשם בשיקלו, אלא ענין הכתוב במי שאינו מכוין באמן שדבר קל הוא להבינו ולכוין בו דהיינו הפשוט שבסודות שמל' אמן עולה בגימ' הוי' אד"ני, וע"כ מי שאינו מכוין באמן עליו נאמר ובוזי יקלו עכ"ד הגליון הנ"ל בשם הרמ"ז ז"ל, ואלו הדברי' מכאיבים לבו של אדם אבל באמת אמרז אין הקב"ה בא בטרוניא עם בריותיו וקמי שמיא גליא שלבנו בל עמנו ואנחנו טרודים מכח טרדות הזמן, מ"מ אעפ"כ חיובא רמיא

---

תיבות ר"ם, דורך דעם וואס מ'זאגט אמן הויך עפינט מען פיר איהם די טויערין פון גן עדן העליון, יפה ללב ח"ה סימן נ"ו, אבער בתנאי עהר זאל ניט אויף הויבין זיין קול העכער פון דעם מברך, אזוי ווי דער בית יוסף שרייבט סוף סימן קכ"ד, דריבער איז א מצוה אז דער חזן זאל אויס לאזין די ברכה גאנץ הויך, אויך די וואס זאגין קדיש זאלין זאגין הויך כדי די וואס ענפערין זאלין ניט זאגין העכער, ועלין זיי ניט גורם זיין קיין חטא ח"ו אין דעם:

ט) **ס'שטייט** אין זוה"ק פ' וילך דף רפ"ה ע"א ר' יהודה זאגט, ובוזי יקלו, דער וואס פארשעמט מיך וועט אליין פארשעמט ווערין דאס מיינט מען ווער ס'ווייסט ניט ערליך צו האלטין דעם האר פון דער וועלט און איז ניט מכוין ביי אמן, ווארין מיר האבין גילערינט ס'איז גרעסער דער וואס ענפערט אמן מעהר ווי דער וואס מאכט די ברכה, טייטשט דארט דער רמ"ז, אז דער פסוק רייד ניט פון רשעים וואס ענפערין גאר קיין אמן ניט ווארין פיר זיי איז דער עונש קליין נור דער פסוק שמועסט פון די וואס זיינין נור ניט מכוין ביי אמן, ווייל ס'איז דאך א גרינגע זאך צו פערשטעהן און מכוין זיין ביי איהם, דהיינו די פראסטע כונה איז אז דאס ווארט אמן בטרעפט ווי דער שם הוי' אדנ"י, ע"כ ווער ס'איז ניט מכוין ביי אמן אויף איהם זאגט דער פסוק ובוזי יקלו עכ"ל, און די"ע ווערטער מאכין ווייטוהן די הארץ פון מענטש, אבער די חז"ל זאגין אז הקב"ה ווייסט און זעהט אז מיר זיינן ניט שולדיג ווייל מיר זיינין

זעהר

עלינו להתחזק ולכוון באיזה פעם שיכול וה׳ יעזור לנו, והירא את דבר ה׳ יכתוב בנייר או בקלף כוונת אמן דברכות יאהדונה״י וכוונת אמן דקדישים אידהנוי״ה ויהיו אלו הדברים תמיד לנגד עיניו בחזרת הש״ץ ובשאר ברכות יאהדונה״י ואמן שבקדישים אידהנוי״ה, וברצות ה׳ דרכי איש שבא לטהר ולכוון מסייעין לו מן השמים:

י) מה שכתוב באות יו״ד כבר הבאתי למעלה אות י״ג:

יא) **אם** יודע שהמברך ירוץ דברו ובעוד שיאמר ב״ה וב״ש המברך יסיים ברכתו קודם, בזה יותר טוב שלא יענה ב״ה וב״ש אמן כדי לענות אמן תיכף בסיום הברכה ולא שיאמר ב״ה וב״ש אמן בבת אחת בלי הפסק דעניית אמן קודם לב״ה וב״ש, שהכל הולך אחר החתום. יפה ללב חלק א׳ בסופו, יושר לבב סי׳ קכ״ד אות ה׳:

יב) **איתא** בזוה״ק ר״פ עקב דכל ברכה דאתיבן עלה אמן דא איהו בקיומא כדקא יאות וכש״כ אם היא ברכתא דסגיאין מברכין לה ומעטרין לה בעטרין קדישין ברזא דאמן, אמן הוא רזא דקשרין דכל יחודא וקדושה ברזא דמארי׳ ומעטר לההיא ברכת׳ בעטרין עלאין כדקא יאות:

---

זֶעהְר טְרוּד פוּן דִי שְׁלֶעכְטֶע צַייט, פוּן דֶעסְט וֶועגְן בְּרוּיךְ דֶער מֶענְטְשׁ זִיךְ מְחַזֵק זַיין מִיטְ׳ן גַאנְצְן כֹּחַ אוּן ווִי וַוייט עֶהר קָאן אוּן זָאל מְכַוֵין זַיין בַּיי אמן, אוּן השי״ת זָאל אוּנְז הֶעלְפְן, אוּן דֶער וָואס הָאט מוֹרָא פַאר גָאט זָאל זִיךְ אוֹיף שְׁרַייבְּן אוֹיף פַּאפִּיר אָדֶער פֶּארְמֶעט דִי כַּוָונוֹת פוּן אמן פוּן דִי בְּרָכוֹת אוּן דִי כַּוָונוֹת פוּן אמן פוּן קַדִישִׁים אוּן זָאל זֵיי הַאלְטְן קֵיגְן דִי אוֹיגְן בַּיי חזרת הש״ץ אוּן בַּיי אַנְדֶערֶע בְּרָכוֹת, וִוי אוֹיךְ בַּיי קַדִישׁ, אוּן הַבָּא לְטַהֵר אוּן מְכַוֵין זַיין הֶעלְפְט מֶען אִיהם צוּ מִן הַשָּׁמַיִם:

י) דָאס וָואס מְ׳שְׁטֵייט דָארְט אות י׳ הָאבְּן מִיר אוֹיבְּן גִיבְּרַאכְט אות יג:

יא) **אוֹיבּ** עֶהר וַוייסְט אַז בִּיז עֶהר וֶועט זָאגְן בָּרוּךְ הוּא וּבָרוּךְ שְׁמוֹ וֶועט דֶער מְבָרֵךְ אוֹיס לָאזְן דִי בְּרָכָה וֶועט עֶהר קֵיין אמן נִיט קָאנֶען זָאגְן אִיז בֶּעסֶר אַז מְ׳זָאל קֵיין בָּרוּךְ הוּא וּב״ש נִיט זָאגְן נוּר עֶנְטְפֶערְן אמן וֶוען יֶענֶער לָאזְט אוֹיס דִי בְּרָכָה אוּן נִיט זָאגְן ב״ה וב״ש אמן צוּ זַאמֶען אָהן אַהֶפְסֵק וַוארִין אמן אִיז בִּילִיגֶער פוּן ב״ה וב״ש, וַוייל אַלֶעס גֶעהְט נָאךְ׳ן אוֹיס לָאז. יפה ללב ח״א אִין סוֹף, ספר יושר לבב סי׳ קכ״ד אות ה׳:

יא) מְ׳שְׁטֵייט אִין זוהר הקדוש פ׳ עקב אַז דָאס הֵייסְט אַבְּרָכָה וִוי עֶס בְּרוּיךְ צוּ זַיין וֶוען מְ׳עֶנְטְפֶערְט אוֹיף אִיהם אָמֵן מִכָּל שֶׁכֵּן אַז פִיהל מֶענְטְשֶׁען עֶנְטְפֶערְן אוֹיף אִיהם אמן, אמן אִיז דֶער סוֹד וָואס אִיז מְיַחֵד אַלֶע יִחוּדִים אוּן קְדוּשׁוֹת אוּן מְ׳קְרֵיינְט אִיהם אָהן מִיט קְרוֹינֶען וִוי גִיהֶערִיג:

ובזוה״ק פ׳ ויצא דף ק״ס ע״א כי שם ה׳ אקרא דא חד דמברך הבו גודל לאהינו: אלין תרין אוחרנין כו׳ דאמרין אמן וכבר הבאתיו לעיל אות מ״ד יעו״ש:

יג) **איבא** דכ״ע לא יפסיק בק״ש וברכותי׳ לענות אמן על חזרת הש״ץ מלבד אמן דהא־ל הקדוש וש״ת שסובר הסמ״ק דצריך לענות והטעם דאלו חשובים יותר מאחרים, ומבואר בפוסקים דאמן דהא־ל הקדוש לפי שהוא סיום השבח של הג׳ ראשונות, ושל שומע תפלה לפי שהוא סיום השבח של האמצעות, והא דלא חשיב האמן של סיום הג׳ אחרונות לפי שזה האמן עונה היחיד אחר סיום י״ח ברכות, ולפיכך אין לו להפסיק מפני זה מאחר שהוא בעצמו יאמר אותו, פקודת אליעזר סי׳ ס״ו דף צ״ג ע״ב:

(**הגה״ה** מבעהמ״ח ואמרו אמן אבל הא״ר סי׳ ס״ו סעיק״ו פוסק דגם על סיום הג׳ אחרונות דהיינו על המברך את עמו ישר׳ בשלום ג״כ פוסק ועונה והפרמ״ג שם סי׳ ס״ו בא״א סק״ז מביאו והסכים עמו, גם מבואר בש״ע שם דמפסיק ג״כ על יש״ר ועל אמן דאמירן בעלמא, ובברכו אומר

---

**אין** זוהר הקדוש פ׳ ויצא דף קס״ח ע״א שטייט, כי שם ה׳ אקרא ד. ה. אז איך טהו רופין גאט׳ס נאמין, מיינט מן אז איינער מאכט א ברכה, הבו גודל לאהינו, גיבט אגרויסקייט צו אונזער גאט, ד. ה. אז מען זאל ענטפערין אמן וכו׳ און מיר האבין שוין געבראכט אויבין אות (מד) ע״ש:

יג) **ביי** קריאת שמע מיט די ברכות האלטין אלע פוסקים אז מ׳טאהר ניט מפסיק זיין צו ענטפערין אמן אויף די ברכות פון חזרת הש״ץ ח״ץ פון הא־ל הקדוש און שומע תפלה האלט דער סמ״ק אז מ׳ברויך ענטפערין אמן, און דער טעם איז ווייל די ברכות זענין חשוב׳ער מעהר פון אנדערי ווייל הא־ל הקדוש איז דער אוים לאז פון שבח פון די ערשטי דריי ברכות, און שומע תפלה איז דער סיום שבח פון די מיטעלסטע ברכות, פאר וואס רכינט מ׳ניט אמן פון די לעצטע דריי ברכות ווייל דעם אמן זאגט דער יחיד אז עהר לאזט אוים די שמונה עשרה דריבער ברויך מען ניט מפסיק זיין אין מיט די ק״ש ווייל עהר זאגט סייווי דער נאך ביי ואמרו אמן, פקודת אליעזר סי׳ ס״ו דף צ״ב ע״ב:

(**הגה״ה** פון בעל המחבר ואמרו אמן, אבער דער אלי׳ רבה סימן ס״ו סעיף קטן ו׳ פסק׳נט אז אויך אויף המברך את עמו ישראל בשלום איז עהר מפסיק און זאגט אמן אויך דער פרי מגדים סימן ס״ו אין אשל אברהם סעיף קטן ו׳ ברענגט איהם און איז מסכים מיט איהם. אויך איז מבואר דארט אין שו״ע אז אויף אמן יהש״ר און אמן פון דאמירן בעלמא און ברוך ה׳ המבורך לע״ו. און אוף ברכו פון עולה

ברוך ה׳ המבורך ל״ו, וכן על ברכו דהעולה לתורה וגם אמן, כ״כ המג״א סעי׳ קטן ו׳ ופירש הפרמ״ג שם וז״ל ומ״ש אמן היינו אחר שאמר המברך ברוך וכו׳, וכוונתו בבירור על מה שמברך המברך ברוך ה׳ המבורך ל״ו, דאי על ברכת התורה כוונתו לא הי׳ צריך לומר שמברך המברך ברוך אלא כמ״ש הרב אדמו״ר הזקן בש״ע שלו דהוא אמן על בה״ת ועוד ראי׳ ממה שמציין שם הפמ״ג לעיין בסי׳ נ״ז ושם כתב דרשות הוא לענות אמן אחר עניית החזן ביהל״ו משו״ה פירש ופסק בזה לענות אמן בזה כמו על ברכו, אבל אדמו״ר הזקן הרב אזיל לשיטתי׳ דאין עונין אמן אחר ברוך יהל״ו, וכבר כתבתי בסי׳ פ״א דהרבה אחרונים סוברים דעונין אמן אחר ברוך ה׳ המבורך ל״ו, וכתבתי שם דאילו ואילו הם דברי אלהים חיים וממילא נוכל לסמוך בכאן על הפמ״ג בזה שגם על עניית החזן ברוך ה׳ המבורך לעולם ועד יכול להפסיק ולענות אמן ועוד כ״ש המג״א סק״ה דגם אם שמע קול רעמים דיפסיק ויברך ובקדושה יאמר רק קדוש וברוך ולא ימלוך ולזה הסכים המג״א סק״ו בשם התוספתא דימלוך אינו שייך לקדושה וכן הסכים

---

לתורה און אמן, איז מען אויך מפסיק אין מיט ק״ש, און אזוי ברענגט דער מג״א דארט סעיף קטן ו׳, טייטשט דער פרי מגדים. אז דאס מיינט מען אמן נאך ברוך ה׳ המבורך לע״ו, און זיין כוונה איז בבירור אויף ברוך ה׳ המבורך לעולם ועד וואס דער עולה לתורה זאגט, ווארין אז ער זאל מיינען אמן פון ברכת התורה וואלט ער ניט בדארפט זאגן דאס לשון שמברך המברך, נאר אזוי ווי דער רב ש״ע טייטשט אז דאס איז אמן נאך נותן התורה, נאך אראיה פון דעם וואס דער פרי מגדים צייכנט אהן מ׳זאל אכטונג געבין אין סימן נ״ז און דארט שרייבט ער אז ס׳איז ארשות צו ענטפערין אמן נאך׳ן חזן אז ער זאגט ברוך ה׳ המבורך ל״ו, איבער דעם זאגט ער און פסק׳נט אויך אז מ׳זאל ענטפע-רין אמן אזוי ווי אויף ברכו, אבער דער רב ש״ע האלט אז נאך ברוך ה׳ המבורך ל״ו זאגט מען ניט קיין אמן, און איך האב שוין געשריבען אויבין סימן פ״א אז פיהל פוסקים האלטען אז מ׳זאל יוא ענטפערין אמן נאך ברוך ה׳ המבורך ל״ו, און האב דארט געשריבין אז די פוסקים און די פוסקים זענין אלע דברי אלהים חיים, ממילא קאנין מיר זיך דא סומך זיין אויף׳ן פרי מגדים אין דעם אז דער חזן זאגט ברוך ה׳ המבורך ל״ו מעג מען אויך מפסיק זיין און ענטפערין אמן, און נאך שרייבט דער מג״א סעיף קטן ה׳ אז מ׳הערט דינערין מעג מען מפסיק זיין און מאכין א ברכה און ביי קדושה זאל מען זאגין קדוש וכו׳ ברוך וכו׳ אבער ניט ימלוך וכו׳ און ברענגט דאס פיר די תוספתא אז ימלוך גיהער ניט צו קדושה, און

אזוי

הרב אדמו״ר הזקן בש״ע שלו רכן עיקר דימלוך לא שייך לקדושה וכתב שם דמכ״ש דאינו פוסק על מה שמוסיפין בשבת שחרית אז בקול ,וממקומך מלכנו תופיע ובמוסף כבודו מלא עולם וממקומו הוא יפן דזה אין עונין לכ״ע, ע״כ הגה״ה) :

יד) **להפסיק** באמצע הברכות לקדיש וקדושה בברכת הנהנין דומיא דברכת המוציא דהיינו ברכו׳ קצרות וכגון ברכות הפירות וביוצא, ובאלו לא שייך להפסיק כלל דתיכף ומיד שהזכיר את ה׳ אם מפסיק צריך לחזור ולברך שהרי לא חלה הברכה על שום דבר עד אחר סיום ברכתו, משא״כ בברכה ארוכה קצת כגון ברכת מעין ג׳ או אשר יצר וכיוצא בזה מודה מרן ז״ל דשפיר דמי להפסיק כל שהוא באמצע הברכה שכבר חלה הברכה על שום דבר, ויצא לנו מזה דבאמצע שאר ברכות ארוכות שפיר דמי להפסיק, פקודת אליעזר סו״ס כ״ו :

(**הגה״ה** אבל בחיי אדם כלל ה׳ סי׳ י״ג כתב וז״ל, אבל בברכה ארוכה כמו ברכת ק״ש ואשר יצר וכיוצא בו מותר לכתחילה לענות קדיש וקדושה ואמן דהא״ל הקדוש ושומע תפלה, ודינו כמו באמצע הפרק

---

אזוי איז מסכים דער רב ש״ע אז ימלוך גיהער ניט צו קדושה, און שרייבט דארט אז אבל שבן אז מ׳זאל ניט מפסיק זיין שבת ביי שחרית אז מ׳זאגט אין קדושה אז בקול און ממקומך. און ביי מוסף כבודו מלא עולם, און ממקומו, אז דאס גיהער אויך ניט צו קדושה זענין אלע פוסקים מודה אז מ׳זאל ניט מפסיק זיין. ע״כ הגה״ה) :

יד) **מפסיק** זיין אין מיט ברכות הנהנין ווי המוציא דהיינו קורצע ברכות ווי ברכות פירות וכהנה צו קדיש קדושה קען מען ניט, ווארין באלד אזוי ווי מ׳איז מזכיר דעם שם ווי באלד מ׳איז מפסיק ברויך מען נאך אמאהל מאכין א ברכה ווייל די ברכה איז ניט חל אויף דער זאך וואס מ׳מאכט איבער איהר ביז מ׳ענדיגט, אבער א לענגערי ברכה ווי על המחיה אדער אשר יצר וכהנה איז דער בית יוסף מודה אז ס׳איז גלייך מפסיק זיין אין מיט צו קדיש וכו׳ ווייל די ברכה האט שוין אהן גיהויבען חל זיין אויף עפים, זעהן מיר פון דאנין ארויס אז אין מיט א לאנגע ברכה איז רעכט מפסיק צו זיין כנ״ל פקודת אליעזר סוף סימן כ״ו :

(**הגה״ה** אבער דער חיי אדם כלל ה׳ סימן י״ג שרייבט מיט דעם לשון אבער ביי א לאנגערי ברכה ווי ברכת קריאת שמע און אשר יצר וכהנה מעג מען לכתחילה מפסיק זיין צו ענפערין אמן צו קדיש קדושה און האל הקדוש און שומע תפלה, ווי אין מיט ברכות ק״ש, און

אויף

דברכת ק״ש׳ וע״ז כתב בספר קצות השלחן הנדפס מחדש סימן ה׳ סעיף א׳ הערה נכונה דאם הפסיק סמוך לברוך יש לו לחזור ולהתחיל איזה תיבות מקודם חתימת הברכה ובחתימת הברכה כשיאמר ברוך אתה ה׳ צריך לגמור הברכה ואסור להפסיק וכן בתחילת הברכה לא יפסיק כלל עד שיאמר איזהו תיבות אחר מלך העולם שיהי׳ על כל פנים דומה לברכה קצרה ונכון הוא:

**כתב** בחידושי רע״א בשם הפנים מאירות ח״א סימן ס״ו והובאו דבריו בביאור הלכה סי׳ ס״ו סעיף ה׳ מי שמניח תפילין דר״ת וקורא ק״ש בלי ברכות שואל מפני הכבוד אפילו באמצע הפרק וכתב בביאור הלכה ע״ז שם דזהו דוקא בק״ש שקרא פעם שניה כמו שנוהגין לקרות בתפילין דר״ת דאינו יוצא בה המ״ע של ק״ש ורק קורא אותה כדי לקרות ק״ש בתפילין אבל אם אחד קורא ק״ש אפי׳ בלי ברכות לצאת בה ידי חובת ק״ש כי ירא שיעבור הזמן אסור להפסיק באמצע הפרק מדינא כמו בשאר ק״ש ומסיק שם בביאור הלכה וז״ל וכעין זה כתב הפרמ״ג ג״כ בסוף סי׳ זה ע״ש ע״כ הגה״ה]:

אות ט״ו היא מעשה דהלבוש אביא אי״ה בחלק השני באריכות:

---

אויף דעם שרייבט דער קצות השלחן סימן ה׳ סעיף א׳ אהערה נכונה אז אויב ער איז מפסיק גאהנט פון סוים הברכה ברויך ער נאך אמאל אהן הויבן עטליכע ווערטער פאר׳ן אוים לאז פון די ברכה, און אז ער האלט ביי ברוך אתה ה׳ טאהר ער ניט מפסיק זיין נור ענדיגען, אויך אין אנהויב ברכה מוז ער זאגין עטליכע ווערטער נאך מלך העולם ם׳זאל אוים זעהן ווי א קורצע ברכה עכ״פ:

דער חידושי ר״ע אייגער שרייבט פאר׳ן פנים מאירות חלק א׳ סימן ס״ו, עם ווערט אויך געבראכט אין ביאור הלכה סימן ס״ו סעיף ה׳, דער וואס לייגט רבינו תם׳ס תפילין און לייענט קריאת שמע אהן ברכות אפילו אין מיט ק״ש מעג ער מפסיק זיין צו זאגין שלום שרייבט אויף דעם דער ביאור הלכה דארט דאס איז נור דוקא ביי דער צווייטער ק״ש ווי מ׳איז זיך נוהג צו לייענען אין ר״ת תפילין וואס מיט דעם לייענין איז מען ניט יוצא די מצוה פון ק״ש נור מען לייענט צו ליעב רבינו תם׳ס תפילין אבער אז איינער לייענט ק״ש אהן ברכות ווייל ער האט מורא עם וועט אוועק געהן די צייט טאהר ער ניט מפסיק אין מיטן ווי ביי ק״ש איז דער דין און ערהר פיהרט דארט אוים אז דער פרי מגדים אין דעם סימן שרייבט אויך אזא שטייגער, ע״ש ע״כ הגה״ה):

טו) די מעשה פון לבוש וועלין מיר ברענגען אין חלק שני באריכות:

טז, יז, יח, יט) כבר הבאתי למעלה בספרי זה:

כ) **כתב** המגן אברהם סי' קכ"ד סעיף קטן י"ד שאם החזן מאריך בניגון על ואמרו אמן יותר מדאי הוי הפסק רק יאמרו מיד אמן:

כא, כב) כבר הבאתי לעיל בספרי זה:

כג) **ראוי** למברך להשמיע קולו כשמברך כדי שיענו השומעים אמן, ואם אינו עושה כן נמצא שהוא גורם שלא יענו אמן, והעונש הראוי למי שאינו עונה אמן ראוי לבא לו, ש"ץ דף פ"ח, (הגה"ה וכבר הבאתי זה לעיל סי' כ"ז):

כד) **כתב** בשער הכונות דף א' ע"ג וז"ל ראיתי למורי ז"ל כשהי' איזה אדם מברך ומסדר הברכות בבית הכנס' הי' עונה אחריהם אמן אף אם היו המברכים רבים, [הגה"ה וכבר הבאתיו בספרי זה סי' מ"א]:

כה) **המברכים** בלחש מאבדים טובה הרבה, ובאמת אמרו שהתורה מרמזת בזה בראשית אמרי' שהר"ת ב'ר'א'ש'י'ת' הוא ב'קול ר'ם א'ברך ש'ם ה' ת'מיד. ומלבד שמרויח שכר הרבה עוד ירויח

---

טז-יז-יח-יט) האבין מיר שוין געבראכט אויבין אין דעם ספר:

כ) **שרייבט** דער מגן אברהם סימן קכ"ד סעיף קטן י"ד אויב דער חזן איז מאריך מיט אניגון ביי ואמרו אמן צו פיהל הייסט עס אהפסק, נור מ'ברויך באלד זאגין אמן:

כא-כב) האבין מיר שוין געבראכט אויבין אין דעם ספר:

כג) **אז** מ'מאכט אברכה ברויך מען זאגין הויך כדי די וואס הערין זאלין ענפערין אמן, ווי באלד אז עהר מאכט ניט הויך איז עהר גורם אז מ'זאל ניט ענפערין אמן, איז דער עונש אויף דעם וואס זאגט די ברכה שטיל, ש"ץ דף פ"ח:

כד) **דעם** ספר הכוונות דף א' ע"ג שרייבט מיט דעם לשון איך האב געזעהן מיין רבי (האר"י) ז"ל אז עמיץ האט געזאגט ברכות השחר אין שוהל האט עהר געענפערט אמן אפילו אין מיט פסוקי דזמרה אפילו זיי זענין געוועזין פיהל (מברכים) און דעם האבין מיר שוין געבראכט אין דעם ספר סי' מ"א):

כה) ווי דער ש"ך שרייבט אין חשן משפט סוף סימן שפ"ב דאס וואס די חכמים ז"ל האבין געזאגט אז אברכה האט ווערט צעהן גילדין, איז נור דוקא ווען עהר מאכט די ברכה פאר מענטשין זיי זאלין ענפערין אמן אבער ניט שטיל פארזיך פון דעגין איז אאפענע תוכחה פיר די וואס מאכין אברכה שטיל זיי פערליהרען גרויס גוטס, באמת האבין חז"ל געזאגט אז די תורה איז מרמז אין ב'ר'א'ש'י'ת' ר"ת ב'קול ר'ם

אברך

בזה שאם נכנס לבית הספק אם בירך אם לא שישאל לחבירו או לבני ביתו ואומרים לו אם בירך או לא ויצא מידי ספק, לכן הירא את דבר ה' ינהיג את עצמו לברך כל ברכותיו בקול רם ובשמחה ובטוב לבב ובפרט בברכת אשר יצר שהיא ברכת הודאה, וארז"ל ד' צריכין להודות ואחד מהן חולה ואין לך חולה גדול מזה כמ"ש מהר צועה להפתח, ואם בכל הברכות חיובא רמיא עלינו לברכן ביראה ואהבה כ"ש בברכה זו, שכבר אנו רואים כמה בני אדם שיש להם חולי השתן ר"ל וחייה' אינם חיים שמתייראים לשתות טה וקאפע בחושבם כשיבואו להטיל מים כמה מצטערים וכמה חורקין את שיניהם עד שמוציאים טיפה אחת, ואנחנו ב"ה בבואנו להטיל מים תיכף ומיד מהר צועה להפתח הקילוח בלי שום מיחוש ובלי שום כאב, ואח"כ מברך אותה בשעה שמנגב הידים ברכה חטופה, ויש מי שמתחיל לדבר עם חבירו קודם הברכה ואח"כ שוכח הברכה ואינו מברך כלל, וכי זה הגמול שאנו גומלים להשי"ת על שאין לנו שום כאב ושום מיחוש, לברך ברכה כזו חטופה וקטופה ובלי נשמע קולם כלל, חלילה מעשות כדבר הזה

---

א'ברך שם ה' ת'מיד, חוץ וואס עהר איז מרויח פיהל שכר כנ"ל. איז נאך א טובה אין דעם למשל, ווי באלד עהר געדענקט ניט אויב עהר האט גימאכט די ברכה קאן עהר פרעגין זיין חבר אדער די בני בית, וועט עהר שוין ארויס פונם ספק, דריבער ברויך יעדער יוד וואס האט מורא פאר השי"ת זיך פיהרען אז עהר זאל מאכין אלע ברכות בקול רם און מיט שמחה, בפרט ביי אשר יצר וואס איז ברכת הודאה, און די חז"ל האבין גיזאגט פיער ברויכן לויבין השי"ת און איינער פון זיי איז א חולה, און דאס הייסט אויך א חולה, ווי ס'שטייט מהר צועה להפתח, און אויב אלע ברכות זענין מיר מחויב צו מאכין מיט פורכט און ליעב-שאפט כל שכן ביי דער ברכה, ווי מיר זעהן פיהל מענטשין וואס ליידין אויף עצירת השתן און זייער לעבין איז פארביטערט, זיי האבען מורא צו טרינקען טהיי קאווע וויל זיי רעכינען אז זיי וועלין האבין יסורים אז זיי וועלין ברויכן משתין זיין און פיהל קריצען מיט די ציין ביז זיי קאנין ארויס ברענגין א טראפין, און מיר ב"ה אז מ'ברויך משתין זיין איז מען אפען תיכף אהן שום מיחוש און יסורים, נאך דעם מאכט מען חאפּיגדיג די ברכה אז מ'ווישט זיך אפ די הענד, און ס'פארהאנין וואס ריידין מיט א מענטש פאר דער ברכה און פערגעסט דער וועגן צו מאכין די ברכה איז דאס דען א גמול וואס מיר גיבען צו השי"ת אויף דעם וואס מיר האבין ניט קיין יסורים און מיחוש ח"ו און מ'מאכט א גיבע ברכה און שטיל אז קיינער הערט ניט צו זאגין אמן, על כן ברויך מען גזהר זיין

אלא צריך ליזהר לברך אותה ביראה ואהבה ואם יכוין פשט הדברים מה שמוציא בפיו די והותר לברך אותה בשמחה רבה:

כו) אביא איה"ש בחלק השני בארוכות:

כז, כח, כט) כבר הבאתי לעיל בספרי זה אות מ"ג מ"ד יעו"ש:

ל) **תדע** לך קורא נעים שאע"פ שכ"כ גדול כחו של עניית אמן אבל יש לפעמים שאסור לענות אמן כגון המשנה ממטבע שטבעו חכמים בברכות דאין עונין אחריו אמן דהיינו שיש בני אדם שאומרים בברכת הגומל, הגומל לחייבים טובים והוי משנה ממטבע שטבעו חכמים בברכות ולא די שהוא ברכה לבטלה כמ"ש הרי"ף והרא"ש והש"ע סי' רי"ט שצריכים לומר הגומל לחייבים טובות אלא דאסור לענות אחריו אמן:

אנכי אביא עוד איזה גרגרים נחוצים מס' דמשק אליעזר הנ"ל:

**ובאות** א' של אכילה אות ו' כתב הדמש"א וז"ל כשאדם אומר בפה מלא אין אני אוכל להנאת גופי רק לבריאת הגוף לעבודת בוראי ב"ה בזה הדיבור הוא בורא מלאך קדוש ומסלק את הס"מ מעל שלחנו פענח רזא פ' בהעלותך לכן טוב בכל פעם שרוצה לאכול שיאמר הריני

---

צו מאכין די בְּרָכָה הויך מיט פורכט און ליבשאפט און מְכַוין זיין דעם פְּשַׁט פון די ווערטער מיט שִׂמְחָה:

כו) וועלין מיר ברענגין אין חֵלֶק שֵׁנִי בַּאֲרִיכוּת:

כז)—כח—כט) האבין מיר שוין גיבראכט אין דעם ספר אות מ"ג מ"ד ע"ש:

ל) **ליבער** לעזער זיי וויסען חאטש ס'איז אזוי גרוים דער כח פון ענפערין אמן, אבער אמאהל טאהר מען ניט ענפערין אמן, ווי באלד אז מ'איז מְשַׁנֶּה פון דעם נוסח וואס די חֲכָמִים האבין מְתַקֵּן גיוועזין ביי בְּרָכוֹת טאהר מען ניט נאך איהם זאגין אמן, דהיינו ס'פארהאנין מענטשין וואס זאגין ביי בִּרְכַּת הַגּוֹמֵל הַגּוֹמֵל לְחַיָּבִים טוֹבִים, דאס הייסט אַ מְשַׁנֶּה פון די מַטְבֵּעַ וואס די חֲכָמִים האבין מְתַקֵּן גיוועזין, און לא די ס'איז אַ בְּרָכָה לְבַטָּלָה ווי ס'שרייבין דער רי"ף הרא"ש והש"ע סי' רי"ט, ווייל מ'ברויך זאגין הַגּוֹמֵל לְחַיָּבִים טוֹבוֹת, נור אמן טאר מען אויך ניט ענפערין:

**אין** אות א' פון אֲכִילָה אות ו' שרייבט דער דמשק אליעזר מיט דעם לָשׁוֹן, אז אַ מענטש זאגט מיט'ן פולין מויל איך עס ניט לְהַנָּאַת גּוּפִי, נור איך זאל זיין גיזונד צו עֲבוֹדַת הַבּוֹרֵא ב"ה, מיט דעם דיבור בַּשַׁאפט ער אַ מַלְאָךְ און איז דוחה מיט דעם ס"מ פון זיין טיש. פַּעֲנֵחַ רזא פ' בהעלותך, דריבער איז בעסער אז מ'געהט עסין זאל מען זאגין, איך

ווער

בא לאכול ולשתות כדי שיהא גופו ברי וחזק לעבודת השי"ת:

**ובאות** א' של אשר יצר אות ד' כתב וז"ל ואתה קורא נעים מאחר שקרית ושנית כמה גדול שכר כל ברכה וברכה, מזה תבין ותקח מוסר לנפשך ולא תעשה כמעשיהם של כמ' בני אדם שקמים כמה פעמים בלילה ומשתינין ושותין מים ואינן מברכין אלא בהרהור הלב, וכבר ידעת דהרהור כדיבור דמי הוא מחלוקת י"א כדיבור דמי וי"א דלאו כדיבור דמי, ואם בב"ד של מעלה יפסוקו הלכה כמ"ד דלאו כדבור דמי מה תענה ליום דינך על כן תזהר בזה שלא תפסיד ברכותיך ולא תהי' גוזל להקב"ה כמאמרם רז"ל ברכות ל"ה כל הנהנה מעולם הזה בלא ברכה כאילו גוזל להקב"ה וכנסת ישראל ודי בזה:

**שם** באות א' איי, מי שיש לו יסורין או איזה צרה ב"מ לא יאמר אוי ולא ווי אלא איי שהוא ר"ת אברהם יצחק יעקב ויכוין שבזכותם ינצל מכל צרה, בספר צוואה מחיים;

**שם** באות ב' של ברכות אות ו' כתב הנה כאשר אסור לעשות מלאכה

---

וועל עסין און טרינקין כדי דער גוף זאל זיין געזונד און שטארק צו עבודת השי"ת:

**אין** אות א' פון אשר יצר אות ד' שרייבט ער וז"ל, טייערר לעזר אז האסט שוין געלערנט און גיחזרת ווי גרויס ס'איז דער שכר פון יעדר ברכה, פון דעם וועסטו פארשטעהן און נעמין א מוסר און ניט צו טוהן ווי די מענטשין וואס שטעהן אויף ביי נאכט וויפיל מאהל און זענין משתין און טרינקען וואסער און מאכין ניט קיין ברכה נור זענין מהרהר, און דאס איז ידוע דאס מחלוקת פון הרהור כדיבור דמי, ס'איז דא א דעה וואס האלט אז מחשבה איז גלייך ווי דיבור, און א דעה וואס האלט אז הרהור איז ניט ווי דיבור, און אויב מ'פסק'נט אין הימעל ביי'ם ב"ד של מעלה אז הרהור איז ניט ווי דיבור וואס וועסטו ענטפערין צום יום הדין, ע"כ ברויך מען זעהן מ'זאל ניט היזק האבין די ברכות און מ'זאל ניט זיין קיין גוזל השי"ת, ווי די גמרא זאגט אין ברכות ל"ה אז מ'איז נהנה פון דער וועלט אהן א ברכה איז ווי מגזל'ת הקב"ה און די יודין וד"ל:

**דארט** אין אות א' איי, ווער ס'האט יסורים אדער א אנדערי צרה רח"ל זאל ער ניט זאגין אוי אדער ווי נור איי דאס איז ר"ת אברהם יצחק יעקב, און זאל מכוין זיין אז אין זייער זכות זאלין מיר גיצול ווערין פון אלע צרות, ספר צוואה מחיים:

**דארט** אות ב' ברכות אות ו', שרייבט ער הנה אזוי ווי מ'טאר ניט טוען קיין מלאכה אין דער צייט וואס מ'מאכט א ברכה ווי

ס'שטייט

בעודו מברך כמבואר בש"ע סי' קצ"א סעי"ג וכתב המג"א שם סעיף קטן ב' וז"ל דמוטב לדלג הברכה מלעשות מלאכה בעודו מברך וסיים המג"א שם דאפי' תשמיש קל אסור לעשות, לכן באשר יצר ינגב תחילה הידים ואח"כ יברך ובענט"י יברך תחילה ואח"כ ינגב וכן הברכה אחרונה שאחר המגילה ולא יברך בעודו כורך המגילה אלא או כורך ואח"כ מברך או מברך ואח"כ כורך וגם כל הקהל כיון שמכוונים לצאת י"ח בברכת החזן צריכים לזהר בזה מאד שלא יכרכו המגילה בעוד החזן מברך:

**שם** באות ג' גזל וז"ל עיר שיש בה שני בתי כנסיות ובאים אורחים לעיר ואחד מביהכנ"ס האחד הולך ומפתה לאורחים שיבואו להתפלל בביהכ"נ שלו הוי גזל כי האורחים בלתי פיתוי יש מהם רוצים להתפלל בביהכ"נ זה, ויש רוצים להתפלל בביהכ"נ אחר, וזה שמפתה שילכו אצלו הוי גזל, מביט ח"ג סי' מ"ח יפה ללב חלק א' סי' קנ"ז אות ח', דברים אלו מכאיבין לבו של אדם לראות עד כמה חומרו של גזל:

---

ס'שטייט אין ש"ע סימן קצ"א סעיף ג', שרייבט דער מגן אברהם דארט סעיף קטן ב' מיט דעם לשון ס'איז בעסער צו איבער היפען א ברכה אייידער צו טוען א מלאכה אין דער צייט וואס מ'מאכט א ברכה, פירהערט אויס דארט דער מג"א אז אפילו א קליינינגקייט טאר מען אויך ניט טוען, דריבער זאל מען ביי אשר יצר פריהער אב ווישען די הענד נאכהער זאגין די ברכה, און ביי על נטילת ידים זאל מען פריהער זאגין די ברכה נאכהער אב ווישען די הענד, אויך ביי די ברכה נאך דער מגילה זאל מען ניט זאגען די ברכה און איין וויקלין די מגילה, נור אבער פריהער איין וויקלין און נאכהער זאגען די ברכה אדער פריהער זאגין די ברכה נאכהער צו וויקלין די מגילה אויך דער קהל ווייל זענין מכוין יוצא זיין זייער חוב מיט דער ברכה פונ'ם חזן ברויכין זעהר גיהט זיין זיי זאלין ניט וויקלין די מגילה אין דער צייט ווען דער חזן זאגט די ברכה:

**דארט** אות ג' גזל דאס איז זיין לשון, א שטאדט וואס ס'איז אין איהר פארהאנין צוויי שוהלין, און אז ס'קומען אורחים אין שטאדט, און איינער פון איין שוהל געהט און ריידט איבער די אורחים זאלין קומען דאווינען אין זיין שוהל הייסט עס גזל, ווארין ווען ער זאל ניט אהן ריידין די אורחים וואלטין טהייל גיגאנגין אין דער שוהל און טהייל, און דער שוהל און אז ער ריידט זיי איבער זאלין געהן אין זיין שוהל הייסט עס גזל מבי"ט ח"ג סימן מ"ח, יפה ללב חלק א' סימן קנ"ז אות ה', דאס מאכט וויי דאס הארץ פון מענטש צו זעהן ווי הארב ס'איז דער איסור פון גזל:

עוד שם אות ג׳ גילות, המגלחים זקנם עוברים בכל פעם על חמשה לאוין ואם המגלחו הוא ישראל עובר עוד חמשה לאוין דעל כל לאו יש ג״כ הלאו דלפני עור, כי המגלח והמספר גם כן עובר וממילא הם עשרה לאוין, ועל המספר יש ג״כ אותן העשרה לאוין וביחד הם עשרים לאוין], ועיין בפנים הספר שם בדיני גילות מעשה נפלאה שאירע להרב ר׳ יעקב אבואלעפייא בזמן האר״י הק׳ ז״ל שראה לאותן שגלחו זקנם שבאו בגלגול פרות, ורמז בפסוק לא תקיפו פ׳את ר׳אשכם ו׳לא ת׳שחית ר״ת פרו״ת;

הגה״ה מבעהמ״ח ואמרו אמן [וכדי להלהיב את לב הקורא אעתיק מש״כ בקיצור של״ה בשם ספר יין המשומר על הפסוק הזה דלא תקיפו פאת ראשכם ולא תשחית פאת זקנך וז״ל כתב הר״ר זלמן בן הר״ר יהודא החסיד ז״ל אמר לי אבא מורי החסיד ז״ל שבימיו הי׳ מעשה בעשיר שהי׳ מגלח זקנו והי׳ אבא מורי בא ומוחה בו ולא השגיח על דבריו כי אמר העשיר אסטנים אני ואיני יכול לסבול הזקן, ואמר לו אבא מורי ידוע תדע כי מרה יהי׳ אחריתך כי לאחר מותך יבואו מלאכי חבלה הדומין

---

דארט אות ג׳ גילות, די וועלכע גאלין די באָרד זעניען יעדעס מאהל עובר אויף פינף לאוין [און אויב דער שערער איז א יוד, איז דער מתגלח עובר אויך נאך פינף לאוין ווייל אויף יעדען לאו איז אויך דא דער לאו פון לפני עור ווייל דער שערער איז אויך עובר ממילא איז דאך צו זאמען צעהן לאוין. און דר שערר איז אויך עובר אויף די וועלכע צעהן איז צו זאמען צוואנציג. און ער ברענגט דארט אין דינים פון גילות א וואונדערליכע מעשה וואס האט געטראפין הרב יעקב אבואלעפייא, אין דער צייט פון האר״י הקדוש ז״ל. דאס ער האט געזעהן די וואס האבין גיגאלט די בערד אז זעניען מגולגל געווארין אין קוה, און עס איז מרומז אין פסוק לא תקיפו פ׳את ר׳אשכם ו׳לא ת׳שחית ראשי תיבות פרו״ת:

(הגה״ה פון בעל המחבר ואמרו אמן, כדי צו דערוועקין דאס יודישע הארץ פון לעזער וועלין מיר מעתיק זיין וואס דר קיצור של״ה שרייבט פארין ספר יין המשומר אויף דעם פסוק לא תקיפו פאת ראשכם ולא תשחית פאת זקנך וז״ל, הר׳ ר׳ זלמן בן הר״ר יהודה החסיד שרייבט וזה לשונו, מיין פאטער און רבי רבי יהודה החסיד ז״ל האט מיר גיזאגט דאס אין זיין צייט איז גיוועזין א מעשה א עושר האט זיך גיגאלט די באָרד און מיין פאטער פלעג איהם זאגין און ער האט ניט גיקוקט אויף איהם ער האט גיזאגט דאס ער איז א מפונק ער קאן ניט ליידין די באָרד, האט ער מיין פאטער גיזאגט, זאלסט וויסין אז דיין סוף וועט זיין ביטער ווארין נאך דיין טויט וועלין קומין מלאכי חבלה אין געשטאלט פון קוה

אין

לפרות ויהיו דורסין על פאת זקנך כי זהו עונש של המשחיתים פאת, זקנם, ותדע שכן הוא רמוז בתורה לא תקיפו פ'את ר'אשכם ו'לא ת'שחית ר"ת פרו"ת, וכשנפטר אותו העשיר היו יושבים אצלו כל הגדולים שבשפייאר ואבא מורי הי' שם והי' כותב שם אחד וזרק על אותו העשיר ותיכף קנס על רגליו וכל היושבים שם ברחו מפניו מחמת הפחד, והתחיל אותו המת למרוט את ראשו ותולש בשערותיו, אמר לו אבא מורי מה לך אמר לי' אוי לי שלא שמעתי לך אמר לו הגידה נא לי מה נעשה לנשמתך, א"ל כשיצאה נשמתי בא מלאך מחבל ודומה לפרה גדולה והביא כלי אחד מלא זפת וגפרית ומלח וקבל נשמתי והניחה לתוכו ולא היתה יכולה לצאת משם ובא מלאך אח' מבית דין של מעלה ונטל מאתו אותו הכלי עם נשמתי' אשר בתוכו והעלה אותי לפני ב"ד הגדול של יוצר נשמות ואז יצאה בת קול מפי הבית דין ואמרה לי קרית ושנית, אמרתי לו קריתי ושניתי, מיד צוה להביא חומש וא"ל קרא בו מיד כשפתחתי הספר מצאתי כתוב ולא

---

און וועלין טרעטין אויף די עקין פון דיין בארד ווייל דאס איז די שטראף פון די וואס גאלין אפ די עקין פון די בארד, אראיה, ס'איז אזוי מרומז אין דער תורה לא תקיפו פ'את ר'אשכם ו'לא ת'שחית ר"ת פרות, און אז דער עושר איז גישטארבין זענין דארט גיוועזין אלע גרויסע לייט פון שפייאר און מיין פאטער איז אויך גיוועזין, האט מיין פאטער אויף גע־שריבען אויף פאפיר א שם און האט ארויף גיווארפין אויף דעם מת, איז עהר תיכף אויף גישטאנין אויף זיינע פיס און אלע וואס זענין דארט גיוועזין זענין אנטלאפין פאר עהם מחמת פחד, האט עהר זיך אהן גיהויבין רייסין די האר פונ'ם קאפף, האט מיין פאטער צו איהם גיזאגט, וואס איז מיט דיר, האט דער מת צו עהם גיזאגט ווייא איז צו מיר איך האב ניט גיהארכט דיינע רייד, האט מיין פאטער צו עהם גיזאגט זאג מיר וואס איז גיווארין מיט דיין נשמה, האט עהר גיענטפערט, אז מיין נשמה איז ארויס פון מיר איז געקומין זעהר א גרויסער מלאך מחבל ווי א קוה און האט גיבראכט א כלי פול מיט סמאל און שוועביל און זאלץ און האט מיין נשמה אריין גינומען אהין און איך האב שוין ניט גיקענט ארויס פון דארט, איז געקומין א מלאך פון בית דין של מעלה און האט גענומין פון איהם די כלי מיט מיין נשמה וואס איז גיוועזין אין איהר און האט ארויף גיבראכט פאר'ן בית דין הגדול, און ס'איז ארויס א בת קול פונ'ם בי"ד און האט גיזאגט צו מיר האסט גילערינט חומש און משניות האב איך גיענטפערט אז האב גילערינט כנ"ל תיכף האט מען גיהייסין ברענגין א חומש און האט גיזאגט צו מיר לייען אין איהם, אזוי ווי איך האב נור

גיעפינט

תשחית פאת זקנך ולא ידעתי מה להשיב, מיד שמעתי קול אח׳ שהי׳ מכריז תנו נשמתו להביאה במדריגה התחתונה של גיהנם, ועתה הביטו וראו נא אחי ורעי כמה גדול עונש המגלח שער זקנו השם ישמרנו עכ״ל:

ודרך המגלח זקנו דרכו בטומאתו לגלח גם את פיאותיו שהם עוד ב׳ לאוין ומי הוא זה אשר מפני כבוד המדומה יפקיר את נפשו להתחייב שבעה לאוין ובכל לאו יש ל״ט מלקיו׳ שבעה פעמי׳ ל״ט הוא רע״ה מלקיות כמנין רעה ואם כי אין עתה רשות ב״ד להלקותו ידע בבירור כי שם בעלמא דאתי יקבל כל המלקות ע״י מלאכי חבלה אשר שם יותר הם כאבים מן המלקות של מטה ולפעמים יזדמן שיסובב שיקבל מלקיות גם בזה העולם וכלל אמרו חז״ל אע״פ שבטלו סנהדרין דין ארבע מיתות לא בטלו מי שנתחייב סקילה או נופל מן הגג או חי׳ דורסתו כו׳ וכן כל ד׳ מיתות ובודאי כן הוא בעניני מלקות, וכל איש אשר בשם ישראל יכונה הוא מוכרח להאמין בדבריהם הקדושים ז״ל, כאשר נפסק ביו״ד סימן קי״ט

---

געפינט דאס ספר האב באלד געפונען געשריבען „ולא תשחית פאת זקנך״ האב איך ניט געוויסט וואס צו ענטפערין, באלד האב איך געהערט אקול וואס האט אויס גירופין פיהרט די נשמה אין דער אונטערשטער מדרגה פון גיהנם, יעצט קוקט זיך צו און זעהט מיינע ברודער ווי גרויס ס׳איז דער עונש פון די וואס גאלען די בערד השם ישמרנו, עד כאן לשונו:

און דער סדר פון די וואס גאלען זיך די באָרד גאלין זיך די פאות אויך אפ וואס דאס איז נאך צוויי לאוין, און וועלכער מענטש וועט פאר דעם נארישען כבוד וועגין מפקיר זיין דאס נפש צו חייב זיין זיבען לאוין און אין יעדער לאו איז דא זיין און דרייסיג מלקיות זיבען מאהל ניינאון דרייסיג בטרעפט צוויי הונדערט פינף און זיבציג מלקיות וויפיל רע״ה בטרעפט, און אפילו יעצט וואס דאס בית דין האט ניט קיין רשות צו שלאגין מלקות, ברויך מען וויסין בבירור אז אויף יענם עולם וועט ער אפ נעמין די מלקות דורך מלאכי חבלה וואס דאס טהוט מעהר וויי פון די מלקות פון דער וועלט, און אמאהל טרעפט אז מ׳איז מקבל מלקות אויך אין דער וועלט, ווי די חז״ל זאגין אבלל חאטש די סנהדרין זענין בטל געווארין אבער דער דין פון ארבע מיתות בי״ד זענין ניט בטל געווארין, למשל אז מ׳איז חייב סקילה, אדער ער פאלט אראפ פון דאך אדער אחיה הארג׳ט איהם, און אזוי אללע ארבע מיתות, אין מלקות איז בוודאי אויך דאס זעלבע, און יעדער וואס טראגט דעם נאמין יוד ברויך און איז מחויב צו גלייבין די הייליגע חז״ל׳ס רייד ווי דער יורה

בפירוש מי שאינו מאמין בדברי חז״ל הרי הוא כעכו״ם, וכל דבריהם הם כגחלי אש ודי בזה:

**עוד** באות ה׳ הפסק, אמרו בחגיגה דף י״ב ע״ב כל הפוסק מדברי תורה לדברים בטלים מאכילין אותו גחלי רתמים, ואיתא בס׳ חסידים שאינו מקבל שכר על אותו הלימוד אלא נענש עליו, וע״ז ידוו כל הדווים, והירא את דבר ה׳ ישים עצמו כאלם מדברי שיחה בעת לימודו, ואם דבריו נשמעים ימחה ביד אחרים המדברים, אורות אלים ד״ו ע״א. וע״ש בזוהר ח״ג דף קס״ב אמרו במתיבתא דרקיע מאן דפסק מילין דאורייתא על מילין בטלין יתפסקון חיוהי מהאי עלמא, ודיני׳ קיימא בהאי עלמא, ובאבות דר״נ פ״ק כ״ו תלמידי חכמים מתים קטנים לא מפני שמנאפין ולא מפני שגוזלין אלא מפני שפוסקין מדברי תור׳ ועוסקין בשיחה בטלה, ואם מוכרח להפסיק התיקון הוא שיסגור הספר שזה הוא כמי שגמר הלימוד, ואולי בזה תהיה ארוכה קצת ונקה מהעון החמור הלזה. בחורי חמד שמעו ותחי נפשכם.

עכ״ל הספר הקדוש דמשק אליעזר:

---

דעה פַּסְק׳נְט סימן קי״ט בְּפֵירוּשׁ אַז וֶוער ס׳גְלוֹיבְּט נִיט אִין דִבְרֵי חז״ל הָאט דֶעם דִין וִוי אַעכו״ם. אוּן זַייעֶרִי רֵייד זֶענִין וִוי קוֹלִין פַייעֶר וְדַי בָּזֶה:

**דָארְט** אִין אות ה׳ הפסק, אִין מסכת חגיגה דף י״ב ע״ב וֶוער ס׳אִיז מַפְסִיק פוּן דִבְרֵי תוֹרָה צוּ דְבָרִים בְּטֵלִים מַאכְט מֶען עֶהם עֶסִין בְּרֶענִיגְדִיגֶע קוֹלִין, אִין ספר חסידים שְׁטֵייט אַז מ׳אִיז נִיט מְקַבֵּל קֵיין שְׂכַר אוֹיף דֶעם לִימוּד נוּר מ׳וֶוערְט נָאךְ נֶעֱנָשׁ אוֹיף דֶעם לִימוּד. אוּן אוֹיף דֶעם בְּרוֹיךְ מֶען גִינוּג קְלָאגֶען, אוּן דֶר וָואס הָאט מוֹרָא פַאר השי״ת בְּרוֹיךְ זִיךְ מַאכִין וִוי אַשְׁטוּמֶער אוּן נִיט רֵיידִין אִין מִיטִ׳ן לֶערְנִין, אוּן אוֹיבּ עֶהר אִיז נָאךְ בְּכֹחַ זָאל עֶהר נָאךְ וֶוערִין אַז אַנְדֶערִי זָאלִין אוֹיךְ נִיט רֵיידִין, אורות אלים דף ו׳ ע״א, דֶער זוהר הקדוש חלק ג׳ דף קס״ב בְּרֶענְגְט, אִין הִימֶעל זָאגְט מֶען וֶוער ס׳אִיז מַפְסִיק פוּן דִבְרֵי תוֹרָה צוּ דְבָרִים בְּטֵלִים וֶועט אָפּ גִיהַאקְט וֶוערִין זַיין לֶעבִּין פוּן דֶער וֶועלְט אוּן זַיין מִשְׁפָּט וַוארְט אוֹיף עֶהם אִין יֶענֶער וֶועלְט, אבות דר׳ נתן פרק כ״ו תַּלְמִידֵי חֲכָמִים שְׁטַארְבִּין יוּנְגֶע הֵייט נִיט וַוייל זֵיי גַזְלִ׳ן אָדֶער זֶענֵין מְנַאֵף ח״ו, נוּר וַוייל זֵיי זֶענִין פוֹסֵק פוּן דִבְרֵי תוֹרָה אוּן רֵיידִין לֵיידִיגֶע שְׁמוּעֶסִין. אַז מ׳בְּרוֹיךְ אָבֶּער נוֹיטִיג מַפְסִיק זַיין אִיז דֶער תִיקוּן אַז מ׳זָאל פַאר מַאכִין דָאס סֵפֶר אִיז דָאס גְלֵייךְ וִוי מ׳עֶנְדִיגְט דָאס לֶערְנִ׳ן אֶפְשַׁר וֶועט דָאס זַיין אַשְׁטִיקִיל רְפוּאָה צוּ דֶער גְרוֹיסֶער זִינְד. טַייעֶרִי יוּנְגֶע לַייט הֶערְט זִיךְ צוּ אוּן אִיהְר וֶועט לַאנְג לֶעבִּין. בִּיז אַהֶער אִיז דָאס לָשׁוֹן פוּן ספר דמשק אליעזר:

מיר

# הטבת חלום על ידי עצמו

הנה שאלתי להרה"ג הגדול הצדיק המפורסם איש קדוש כקש"ת מו"ה ר' שמואל ז"ק אבד"ק ביאלע-גדול המפורסם בשם טיראספאלער עילוי בהיותי בביתו, מה יעשה אדם הרואה חלום קשה ואין לו מן המוכן תלתא דרחמי להטיבו, ומה שאומרים הרבש"ע שנזכר בברכות נ"ה ע"ב ובש"ע סי' ק"ל הלא הוא דוקא רק על חלום דחזא ולא ידע מה חזי, כמובו' מלשון הגמ' שם האי מאן דחזא חלמ' ולא ידע מה חזי ליקום קמי כהני בעידנא דפרסי ידייהו ולימא הכי רבש"ע, וכן הוא הלשון בש"ע הנ"ל, אבל אם אדם רואה חלום קשה ויודע חלומו, ע"ז אמרינן שם בגמ' ובש"ע סי' ר"כ הרואה חלום ונפשו עגומה עליו ייטיבנו בפני שלשה לייתי תלתא [דרחמי לי', כ"ה גירסת הרא"ש והש"ע סי' ר"כ] ולימא כו', וא"כ מה יעשה האדם שראה חלום קשה ואין לו מן המוכן תלתא דרחמי לי' שייטיבנו בפניהם, ובפרט לפי מנהג הרבה מקומות שאין אומרים הרבש"ע כלל, ואפי' באותן המקומות שאומרים כתבו האחרונים דיאמר הרבש"ע בשעה שהכהנים מאריכין בניגון של וישמרך או ויחונך, אבל בשעה שהכהנים אומרים את התיבות לא יאמרו הציבור שום דבר רק ישמעו היטב בכונ' את התיבות מפי הכהנים, וא"כ לפי רוב המקומות שהכהנים אינם מנגנים כלל בסוף

---

מיר האבען אמאהל געפרעגט הרב הגאון הצדיק וכו' הה"ר שמואל ז"ק שליט"א אבד"ק ביאלע, וואס זאל טוהן א מענטש וואס זעהט א שווערין חלום און האט ניט קיין דריי פריינד זאגין איהם מטיב חלום זיין, און דאס וואס ס'ווערט געברכט אין ברכות נ"ה ע"ב און ש"ע סי' ק"ל, אז מ'זאל זאגען רבש"ע ביי ברכת כהנים, איז נור אז עהר ווייסט ניט וואס עהר האט געזעהן, און ווי ס'שטייט דאס לשון אין דער גמרא ולא ידע מה חזי וכו' און אזוי שטייט אויך אין ש"ע הנ"ל, אבער אז מ'זעהט א שווערין חלום און ווייסט דעם חלום, זאגט דארט די גמרא והנ"ל אז איינער זעהט א חלום און עהר איז טרויעריג זאל עהר דעם חלום מטיב זיין פאר דריי פריינד, און וואס זאל טוהן א מענטש וואס זעהט א שווערין חלום און האט ניט גרייט קיין דריי פריינד זיי זאלין עם מטיב זיין ובפרט אז אויף אסך ערטער זאגט מ'ניט קיין רבש"ע, און אפי' ווי מ'זאגט יו רבש"ע שרייבין די אחרונים אז מ'זאל זאגין ווען די כהנים זענין מאריך מיט'ן ניגון פון וישמרך און ויחנך אבער ווען די כהנים זאגין די ווערטער זאל מען גאר ניט זאגין נור אוים הערין מיט כוונה די ווערטער פון די כהנים, א"כ אז אין פיהל ערטער זינגען די כהנים גאר ניט ביי וישמרך

ויחונך

הברכה של וישמרך ויחונך ואם כן א"א לומר הרבש"ע ומה יעשה האדם שחלם לו חלום קשה אם אינו יכול לומר הרבש"ע כנ"ל ותלתא דרחמי לי' לא מוכן לו, מה יעשה:

**והשיב** לי כי בשעת הדחק יש לסמוך על הירושלמי מפורש פרק אין עומדין שכל אחד יכול להטיב חלומו ע"י עצמו, ואמר לי שמצוה לפרסמו ולהדפיסו לזכות הרבים, וקיימתי המצוה לשמוע דברי חכמים, והעתקתי והדפסתי את דברי הירושלמי אות באות בכאן, וז"ל הירושלמי ברכות פרק אין עומדין הלכה א':

**ר'** יונה בשם ר' תנחום בי ר' חייא, זה שהוא רואה חלום קשה צריך לומר יהי רצון מלפניך ה' אלהי ואלהי אבותי שיהיו כל חלומותי שחלמתי בין בלילה הזה בין בשאר הלילות בין שחלמתי אני ובין שחלמו לי אחרים אם טובים הם יתקיימו עלי לששון ולשמחה, לברכה ולחיים ואם לדבר אחר כשם שהפכת את מי המרה למתיקה ומי יריחו ע"י אלישע למתיקה ואת קללת בלעם בן בעור לברכה כן תהפוך את כל החלומות הקשים ומה שחלמו לי אחרים לטובה לברכה ולרפואה ולחיים לשמחה ולששון ולשלום, הפכת מספדי למחול לי פתחת שקי ותאזרני שמחה למען יזמרך כבוד ולא ידום ה' אלהי לעולם אודך ולא אבה ה' אלהיך לשמוע אל בלעם ויהפוך ה' אלהיך לך את הקללה לברכה כי אהבך ה' אלהיך אז תשמח בתולה במחול ובחורים וזקנים יחדיו והפכתי אבלם לששון ונחמתים ושמחתים מיגונם.

עכ"ל הירושלמי אות באות:

---

וַיְיחַנְךָ קָאן מֶען דָאךְ נִיט זָאגִין רבש"ע, וָואס זָאל אַמֶענְטְשׁ טְהוּן אַז ס'הָאט עֶהם גִיחָלוּם'ט אַ שְׁווֶערֶער חָלוּם, אַז קֵיין דְרַייא פְּרַייִנְד הָאט עֶהר נִיט אוּן רבש"ע קָאן עֶהר אוֹיךְ נִיט זָאגִין:

**הָאט** עֶהר מִיר גִיעֶנְטְפֶערְט אַז בְּשַׁעַת הַדְּחַק קָאן מֶ'זִיךְ סוֹמֵךְ זַיין אוֹיף'ן יְרוּשַׁלְמִי פרק אין עומדין אַז יֶעדֶער קָאן זִיךְ אַלֵיין מֵטִיב חָלוּם זַיין אוּן עֶהר הָאט מִיר גִיזָאגְט אַז ס'אִיז אַמִצְוָה דָאס מְפַרְסֵם זַיין אוּן דְרוּקִין בִּכְדֵי מְזַכֶּה זַיין הָרַבִּים, וֶוענִין מִיר מְקַיֵּים דִי מִצְוָה לִשְׁמוֹעַ דִבְרֵי חֲכָמִים אוּן הָאב מַעְתִּיק גִיוֶועזִין דֶעם ירושלמי אות בְּאוֹת אוּן דָאס אִיז דָאס לָשׁוֹן הירושלמי ברכות פרק אין עומדין הלכה א', זֶעה אוּן פְּנִים:

---

**הנה** אחר הערכת החלק הראשון מצאתי אשר מה שכתבתי בסי' צ"ד שקדמני גדול אחד בעהמ"ח ארץ חמדה בהקדמתו הובא בספר לקוטי שושנים חלק א' אות כ"ו, וברוך שכוונתי:

## תם ונשלם חלק ראשון בסייעתא דשמייא.

# סגולה להצלחה

עוד ראיתי סגולה גדולה להצלחה באפוקי שבתא בכל השבוע הבאת מגתי״ם שהי׳ ספון וטמון מהרב הגאון הקדוש הצדיק המפורסם איש אלקי כבוד קש״ת מו״ה ר׳ לוי יצחק זצוקללה״ה אבד״ק באר דיטשוב, בעל המחבר ספר קדושת לוי זי״ע ועכי״א, וז״ל הכתי״ק:

סגולה גדולה להצלחה שיאמרו האנשים ונשים והטף בקשה זו בכל מוצש״ק קודם הבדלה ג׳ פעמים, ובטוח אני בה׳ שיצליחו בבני חיי ומזוני בודאי בטח בעזה״י, בזה הלשון:

נאך האבין מיר געפונען א סגולה צו הצלחה בכל ענינים, שבת צו נאכט׳ס צו זאגין, פון דעם היילינען בארדיטשובער רב הרב הקדוש רבי לוי יצחק זצ״ל פון כתב יד קדשו מיט דעם לשון:

א סגולה צו הצלחה מאנסלייט און ווייבער און קינדער אלע זאלין זאגען פאר הבדלה דריי מאהל, זענין זיי בטוח אז זיי וועלין גיהאלפין ווערין מיט קינדער און גיזונד און פרנסה וכל טוב בעזה״י:

גאט פון אברהם און יצחק און פון יעקב באהיט דיין פאלק ישראל פון אלעם בייזין אין דיינם לויב אז דער ליבער שבת קודש גייט אוועק אז דיא וואך זאל אונז קומען צו אמונה שלימה, צו אמונת חכמים, צו אהבת ודיבוק חברים טובים צו דביקות הבורא ברוך הוא, מאמין צו זיין בשלש עשרה עיקרים שלך ובגאולה שלמה וקרובה במהרה בימינו ובתחית המתים, ובנבואת משה רבינו ע״ה. רבש״ע דוא ביסט דאך אנותן ליעף כח, גיב דיינע ליבע יודישע קינדערליך אויך כח דיך צו לויבין, און דיך צו דינען און ווייטער קיינעם נישט. און דיא וואך זאל אינז קומען צו גיזונד, און צו מזל, און צו ברכה, און צו הצלחה, או צו חסד, און צו עושר וכבוד, און צו בני, חיי, ומזוני, לנו ולכל ישראל אמן: